www.libtool.com.cn

# START

www.libtool.com.cn

# CONTROL TEST TARGET for Kodak Quality Monitoring




Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Kodak

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

Microfilmed 2005
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

www.libtool.com.cn

# YIDDISH DRAMA

# PRESERVATION

# PROJECT

www.libtool.com.cn

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2005-1907-14

www.libtool.com.cn

Glanz-Leyeless, A.
(Aaron).
Osher Lemlen : drame in
akht bilder.
Vilne, 1928.

www.libtool.com.cn

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005-1907.14

**Glanz-Leyeless, A. (Aaron), 1889-1966.**
Osher Lemlen : drame in akht bilder.
Vilne : B. Kletskin, 1928.
99 p.

1. Yiddish drama.--lcsh
I. Lithuania-Vilnius. II. Yiddish books from the Harvard College Library ;
YI 1579

ID : NXYH01-B15819 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /8878

Reduction ratio X10.0

www.libtool.com.cn

א. לעיעלעס

# אשר לעמלען

דראַמע אין 8 בילדער

ווילנע — 1928 — ווארשע

ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

www.libtool.com.cn

# אשר לעמלען

2/8878
www.libtool.com.cn

א. לעיעלעס

# אשר לעמלען

דראמע אין 8 בילדער

צענטראַלע יידישע [illegible]
אין פרעסע ארכיוו

ווילנע — 1928
ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

אויפפירן די דראמע אָן דער דערלויבעניש
פון מחבר איז פאַרווערט.

PRINTED IN POLAND

A. Lyjeles — „Oszer Lemlen"
Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

www.libtool.com.cn

## פ ע ר ז אָ נ ע ן:

אשר לעמלען — א טליתים-וועבער, ארום 33 יאָר אלט, בלאָנדלעך
גיטל — זיין ווייב, ארום 30 יאָר, טונקל, סעמימישער טיפ
באַרבאַראַ — א קריסטין פון דאָרף, 28 יאָ- אַלט
זלמן נאַר — א פּראָפעסיאָנעלער וויצלינג און פריילעך-מאכער
יצחק — א קצב, אין די דרייסיקער
אברהם — אַן איבערשרייבער, א ייד פון א יאָר פופציק
פישל — א קרעמער, אין די פערציקער
האַנס פייפערליין — א פאסטוך, א זקן
עלזאַ — א פוערטע
טאָמאַס גראָסמער | פויערים, אלע אין די פערציקער
יאָהאַן מאַצלער | פויערים, אלע אין די פערציקער
ווילהעלם פאָגעלער | פויערים, אלע אין די פערציקער
נעסטפאַל
דיטריך הובער — א גלח
היינריך רעדעלער — יונגער פויער, ארום 25 יאָר
ירוחם — א משלער
יידן, יידענעס, האנטווערקער, גזלנים, פויערים, פויערטעס

www.libtool.com.cn

געהייליקט דעם אָנדענק פון מיין מוטער,
כישע גאָלדע (פּאַקמאַן) גלאַנץ,
וואָס איז געשטאָרבן אין הארבסט 1926,
אין לאָדזש.

# בילד איינס

אשר לעמלען, גיטל, באַרבאַראַ, זלמן נאַר

| אַן אָרעמע יידישע שטוב. צו רעכטס אַ טיר אין אַן אַנדער צימער. אשר לעמלען זיצט ביי אַ וועבשטול, אַרבעט. גיטל דרייט זיך אַרום אין שטוב. פּאָרעט זיך אַרום אויוון. אשר הערט פּלוצלינג אויף. פאַרטראַכט זיך. גיטל פּאָרשט אים פון א זייט, אָבער זעצט פאָרט איר טועכץ.

פּלוצלינג: | — —

**אשר:**
אפשר איך? האַ? רבונו של עולם, אפשר איך?

**גיטל:**
וואָס דו, אשר?

**אשר:**
| ענטפערט נישט |

**גיטל:**
איך האָב דיך דאָך עפּעס געפרעגט, אשר.

**אשר:**
האַ, וואָס? האָסט מיך עפּעס געפרעגט?

**גיטל:**

גיי, טענה מיט אים! האָסט דאָך עפּעס גערעדט. איז וואָס האָסטו געמיינט?

**אשר:**

גאָרנישט, גאָרנישט. | נעמט זיך ווידער צו דער אַרבעט, האַסטיק, מיט אימפּעט. ווערט אָבער באַלד מיד. רייסט איבער. שטייט אויף, גייט אַ פּאָר מאָל איבער דער שטוב. שטעלט זיך אָפּ בײַ גיטלען. רעדט צו איר, גלייך ווי ער וואָלט זי נישט געזען |

עד מתי? ווי לאַנג קאָן גאָט ברוך הוא נאָך וואַרטן? פאַרברענען די ספרים! איטלעכס וואָרט איז דאָך קדושה שבקדושה. איטלעכער אות. גאָטס ליכט אין יעדן פּינטעלע, אין יעדן שטריכעלע. הייליקע צרופים! וועט גאָט דערלאָזן, אַז מען זאָל מבזה, מחלל זיין דעם אייגענעם אָטעם זיינעם, באַהיט זאָל מען ווערן? וועט נישט איטלעכער אות קומען פאַרן כסא הכבוד און וויינען און שרייען? וועט די שכינה, חלילה, אָפּקערן איר פּנים?

**גיטל:**

וועגן וואָס רעדסטו, אשר? טאָמער וועסטו אַמאָל רעדן צו מיר אויך, נישט נאָר צו זיך אַליין?

**אשר:**

וואָס הייסט וועגן וואָס איך רעד? וועגן דעם וויסטן משומד, וואָס האָט אָנגערעדט אויף אונזערע הייליקע ספרים, און מען קלויבט זיך זיי פאַרברענען.

**גיטל:**

אַז גאָט זעט צו און שווייגט...

**אשר:**

דאָס מיין איך דאָך. קאָן עס געמאָלט זיין? קאָן גאָט ברוך הוא שווייגן? היינט וואָס עס טוט זיך אויף דער גרויסער וועלט! ערשט נעכטן גערעדט מיט אַ משולח. די צרות פון פאָלק ישראל האָבן דאָך שוין קיין ברעג נישט.



www.libtool.com.cn

די וועגן פון דער גאַרער ערד זענען באַלייגט מיט די גולים פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. זייער ווייטיק שרייט צום הימל. ווו אַ שטעג, וויינט דאָרט אַ יידיש קינד, קוקן יידישע אויגן אין פינסטערן חלל, ווענדן זיך יידישע הערצער מיט אַ געבעט: מאין יבוא עזרי? פאַרטריבענע געפּייניקטע האָבן זיי נישט ווו אַ קאָפּ אַוועקצולייגן. אין די וויסטע מדבריות פאַריאָגט מען זיי, אויף די שבעה ימים ווערן זיי צעבלאָזן. קהלות גאַנצע ווערן צו קנעכטשאַפט פאַרקויפט, צום טויט און צו בושה פאַרפּייניקט.

**גיטל:**

טאָ וואָס שווייגט גאָט?

**אשר:**

ווער זאָגט, אַז ער שווייגט, האַ? ניין, גאָט שווייגט נישט. | געהיימניספול | ס׳איז משיחס צייטן, גיטל. משיחס צייטן, בנאמנות. כ׳האָב אויסגעחשבונט.

**גיטל:**

| איבערראַשט |

וואָס מיינסטו?

**אשר:**

| אין זעלביקן טאָן |

כ׳האָב אויסגעחשבונט. ס׳וועלן באַלד זיין סימנים. אויפן הימל און אויף דער ערד. גרויסע סימנים. פּראַכטיקע צייכנס און אָנזאָגענישן. אַלע וועלן זען. אַלע וועלן זיך דערשרעקן. ציטערן ווי פיש אין וואַסער. אָבער אַלע וועלן זיך באַלד דערפרייען מיט אַ גרויס דערפרייעניש.

**גיטל:**

אָבער איך פאַרשטיי נישט. וואָס וועט עס זיין?

**אשר:**

משיחס צייטן, גיטל. ס׳איז משיחס צייטן.

**גיטל:**

טאָ ווו איז משיח?

**אשר**

| קוקט זי אָן מיט אַ לאַנגן קוק און זאָגט גאָרנישט. קערט זיך צוריק צום וועבשטול און נעמט זיך אַרבעטן. גיטל וויל עפּעס זאָגן, אָבער בלייבט שטיל. טוט איר טועבץ און שפּירט נאָך איר מאַן פון אַ זייט. אשר נאָך אַ קורצער ווײַלע הערט ווידער אויף אַרבעטן. קוקט פאַר זיך פאַרטוחט |

**גיטל:**

וואָס איז מיט דיר היינט, אשר, האַ? וואָס האָסטו אויפן האַרצן? וואָס באַהאַלטסטו פון מיר? נו, אשר?

**אשר:**

גאָרנישט. גאָרנישט...

**גיטל:**

| לאָזט אים. פאָרעט זיך אין שטוב. דערנאָך | —
ווייסטו גאָר וואָס? קום און עס עפּעס. אפשר חלשט דיר דאָס האַרץ, ביסטו פאַרחושט.

**אשר**

| ענטפערט נ שט |

**גיטל:**

קום עסן, אשר. לייג זיך אונטער ס'האַרץ.

**אשר:**

עסן? ניין. וואָס פאַר אַן עסן? כ'דאַרף נישט עסן.
| הייבט זיך אויף, טוט אָן אַ מאַנטל און קלויבט זיך צו גיין |

**גיטל:**

ווו גייסטו? האָסט דאָך היינט אין דיין מויל נישט געהאַט.

**אשר:**

כ'דאַרף נישט. מען דאַרף נישט עסן. כ'גיי אין שול אַריין.

**גיטל:**

אַזוי פרי?



www.libtool.com.cn

| אשר ענטפערט נישט און גייט אַרויס אָן אַ זיי־געזונט. גיטל קוקט אים נאָך. שאָקלט מיטן קאָפּ אַ ווײַלע, און ביסלעכ־ווייז צעשטראַלט זיך איר דאָס פּנים. זאָגט |

**גיטל:**

אפשר, אפשר... הלואי, פאַרכצימער גאָט, פאָטער אין הימל! ביי דיר איז דאָך אַלץ מעגלעך!
| פאָרעט זיך אין שטוב |
| עס קומט אַריין באַרבאַראַ |

**באַרבאַראַ:**

אַ גוט מאָרגן, גיטל, שוין לאַנג דיך נישט געזען.

**גיטל:**

אַ גוט מאָרגן, אַ גוט יאָר. וואָס האָט דיך עפּעס אַהער געבראַכט, באַרבאַראַ?

**באַרבאַראַ:**

אָט כ'בין געווען אין שטאָט, געדאַרפט עפּעס איינקויפן, געווען נישט ווייט פון דיר. טראַכט איך, לאָמיך אַריינגיין צו דער קלוגער, גוטער גיטל, וואָס אַלע יידן זאָגן, אַז זי האָט אַ מאַנסבילשן קאָפּ. אויסערדעם האָב איך אַביסל וואָל אָפּגעשפּאָרט. באַהאַלטן ביסלעכווייז פון דעם גראַפס אויפזעער: וועל איך פון דיר קריגן אַ פּאָר גילדן. ס'וועט מיר צונוץ קומען. שלעכטע צייטן, גיטל. דעם פּויער ווערט אַלץ שווערער צו לעבן מיט יעדן טאָג.

**גינ ל:**

יאָ, שלעכטע צייטן. אַלעמען איז ביטער.

**באַ ב ז:**

| כאַפּט אַ קוק אויפן א:יוון, גייט צו די טעפּלעך, קוקט אַריין! קאָכסט, פאָרעסט זיך, קיכלסט דיין מאַן.

**גיטל:**

וואָס קומט אַרויס? איך נישטער אויפן מאַרק, קויף פון דאָס בעסטע, אָבער ער עסט דען עפּעס? אַ העלפט מוז איך אַרויסוואַרפן. עטלעכע לעפל יויך, אַ בראָק ברויט — דערמיט קומט ער אָפּ.

**באַרבאַראַ:**

אז ביי אייך, יידן, איז דאָך אַלץ אַנדערש. דער מאַן עסט נישט, און זיין ווייב האָט נישט קיין קינדער.

**גיטל:**

האַלט ס'מויל, באַרבאַראַ. ווייסט נישט, וואָס דו רעדסט. דו מיינסט, מיין אשר איז אַזאַ, ווי דיין מאַן איז געווען, ווי עס זענען אייערע לייט. ער איז פאַרטון אין הייליקע זאַכן. ער פאַרגעסט פשוט, אַז מען דאַרף אַמאָל עפּעס אין מויל אַריינגעמען אויך.

**באַרבאַראַ:**

אָבער פאַרוואָס האָסטו נישט קיין קינדער?

**גיטל:**

פאַרוואָס, פאַרוואָס? גאָט וויל נישט געבן.

**באַרבאַראַ:**

הער, גיטל, איז דיין מאַן אַ געזונטער?

**גיטל:**

וואָס מיינסטו?

**באַרבאַראַ:**

כ'מי'ן, דו פאַרשטייסט? עס זענען דאָך דאָ מענער, וואָס קאנען נישט זיין קיין אמתע מענער. אַ שטייגער, ווי זאַנגען, וואָס האָבן נישט קיין קערנער. אָדער אַ בוים, וואָס ווערט פאַרדאַרט פאַר דער צייט, האָט מער נישט קיין קראַפט צו ברענגען פרוכט.

**גיטל:**

ווייס איך, וואָס דו רעדסט דאָרט. דו מעסט אַלץ מיט דיין מאָס, אַז עס גייט גאָרנישט אין דעם...

**באַרבאַראַ:**

אין וואָס דען גייט עס?

**גיטל:**

דו וועסט סיי-ווי נישט פאַרשטיין.



www.libtool.com.cn

**באַרבאַ־אַ:**

נו, אויב דו ווילסט נישט זאָגן, איז נישט.

**גיטל:**

מיין אשר איז גאָר אַן אַנדער מענטש, גאָר אַן אַנדער מענטש. און ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן? אַמאָל קומט מיר אויס, אַז ער איז גאָרנישט מיין מאַן, נאָר מיינס אַ זון, מיין קינד. אָן מיר וואָלט ער דאָך אינ־גאַנצן פאַרגעסן צו עסן. נישט איבערגעטון קיין העמד, נישט געוווּסט פון דאַנען אַהין.

**באַ־באַראַ:**

דאַרפסטו דאָך שוין גאָר קיין קינדער נישט. האָסט אַ פאַרטיקן זון אָן בויכווייטיק...

**ניטל:**

אַוודאי, כ'האָב געוווּסט, אַז דו וועסט עס נישט באַנעמען...

| עס קומט אריין זלמן נאר |

**זלמן:**

גאָט העלף אייך, פרומע גיטל מיין.
איר זאָלט מיר אימער גליקלעך זיין.
אויף גוטע פרויען און מזומן-באַר
אַ מבין גרויס איז זלמן נאַר.

| דערזעט באַרבאַראַן |

אָ, ווּעמען זע איך? שיין ציגיינער-ווייב!
ווי גוט, ווי זיס מוז זיין דיין היפשעס לייב.

| גיט איר אַ קיצל אין זײַט |

**באַרבאַראַ:**

האַלט די הענט ביי זיך, איר נאַר.

**זלמן:**

יאָ, כ'בין אַ לוסטיק, פריילעך ייד
און טאַנץ און פייף און זינג אַ ליד.
אויבוויל מען רופט מיך זלמן נאַר,
בין איך נישט נאַריש דאָך, פירוואַר,

כ׳זאָל נישט די ליידנשאַפט פאַרשטיין,
נישט ליבן ס׳ווייב, ווען עס איז שיין.
| קיצלט באַרבאַראַן ווידער, און זי לאַכט |

**גיטל:**

הערט אויף מיט אייערע מיאוסע שטיק, זלמן, פאַרגעסט נישט, ווו איר זענט.

**זלמן:**

פאַרגעסן? זאָל מיין רעכטע דאַרן מיר!
ווי נאָר כ׳גיי צו צו אייער טיר,
געדענק איך באַלד, דערמאָן זיך גלייך –
דאָס איז דאָס הויז מיט מצוות רייך.

**גיטל:**

נו, נו, וואָס וועט איר עפּעס גוטס זאָגן?

**זלמן:**

| ערנסט |

קיין גוטס איז נישטאָ, ליבע גיטל. שלעכטס הערט נישט אויף זיך צו מערן. אָך, גאָט! וואָס וועט דערויס ווערן?

**גיטל:**

וואָס איז שוין ווידער?

**זלמן:**

נייע שטייערן, מיין געאַכפּערטע הויז-פּרוי. האָב ערשט מיט דריי חדשים צוריק באַצאָלט פינף דוקאַטן פאַר רעכט פריילעך צו מאַכן די אָרעמע, טרויעריקע יידעלעך, און איך מוז שוין ווידער צאָלן. און נאָך א סך מער. שוין זיבן דוקאַטן איצט. זיבן דוקאַטן פער קוואַרטל. טאָמער קויף איך מיר א נייע טוניק, ווערט עס ביי זיי גלייך גרויס אין די אויגן. נישט גענוג דער געלער פלעק, וואָס מאַכט א תל פון מיין שיינקייט – מען מוז נאָך געלט דערפאַר באַצאָלן. ווען מען איז נאָך רייך, נאַ, דאַן איז עס נאָך האַלבע צרה. שאול דער פרנס קאָן עס זיכערלעך פאַרטראָגן. וועט זיין ווייב זיך קויפן



www.libtool.com.cn

ווייניקער מיט א פעלץ. דאָס נעמלעכע חיים דער חלפון. אָבער פאַר אַזאַ אָרעמען קערל ווי איך!
אָך, אָך, ווי שווער ס׳איז נישט צו ווערן מיד,
צו ליידן, דולדן, און צו זיין א ייד.

**גיטל:**

פע, נישט גוט אַזוי פאַר א ייד צו רעדן. דערויף איז מען דאָך א ייד, וואָס מען ליידט.

**באַרבאַראַ:**

אַז מען הערט אייך, קאָן מען טאַקע מיינען, אַז יידן אַליין ליידן אויף דער וועלט. און אונז, קריסטן, איז בעסער? פון אונז רייסט מען נישט קיין שטייערן? דער האַנטווערקער אין שטאָט האָט מער שטייערן און חובות, ווי האָר אויפן קאָפּ, און דער פויער אין דאָרף האָט בלויז שולדן און צינזן. ער האַט פּילייכט נאַך לייז און קראַנקייטן. נאַר אייך, יידן, איז שלעכט... פאַרוואַס בין איך איצט א וויטפרוי? פאַרוואַס איז מיין אַדאַלבערט אַוועק פון דער וועלט און מיך איבערגעלאַזט מיט דריי פּיצלעך קינדער? די קאַנאַליעס, די דינער פון דעם פאַרפלוכטן גראַף, האַבן אים צום טויט פאַרשמיסן, ווייל ער האַט עטלעכע קעזלעך געבראַכט אַהיים פאַר ווייב און קינדער. אַלץ איז דאַך זייערס. דער קעז און די שמאַנט און די מילך. | אין פּלוצלינגדיקן צאָרן גיט זיך א קלאַפּ אין בוזעם | איר זעט אט-די ברוסט? פאַראַן גענוג מילך אין איר פאַר אַלע דריי פייגעלעך מיינע. אַבער ניין! אויך מיין ברוסט געהערט זיי. מיינע קינדערס מילך זויפט דעם האַרס בענקאַרט, אַז זיין ווייב זאָל בלייבן שיין און איידל.

**זלמן:**

| גנבעט זיך צו, וויל א טאַפּ טון איר בוזעם |

אַך, רונדע, פולע, ווייכע ברוסט.
דו וועקסט, באַרבאַרא, שטאַרק מיין לוסט.

**באַרבאַראַ:**

אוועק! וואס אים ליגט איצט אין זינען.

**גיטל:**

שעמען מעגט איר זיך, זלמן.

**זלמן:**

נו, גוט, איך שעם זיך...

**באַרבאַראַ:**

אבער עס וועט שוין לאנג אזוי נישט זיין. עס וועט קומען דער טאָג פון רעכנשאפט. אלץ האט א גרענעץ...

**גיטל:**

אוודאי איז אייך, קריסטן, כ'מיין די ארעמע, די געמיינע, אויך נישט גוט. אבער ווי קומט עס צו אונזערע צרות? מיר, יידן, טארן דאך שוין אפילו נישט אטעמען. און וואס דו רעדסט וועגן רעכנשאפט — וואס פארא רעכנ־שאפט? סיידן משיח זאל קומען.

**באַרבאַראַ:**

ווער איז דער?

**גיטל:**

משיח — דער אויסלייזער.

**באַרבאַראַ:**

דער אויסלייזער? ער איז דאך שוין געקומען, דער גלח אין קירך האלט אין איין רעדן וועגן דעם — און וואס?

**גיטל:**

דאס איז אן אנדער זאך. דער אמתער אויסלייזער, אונזער אויסלייזער, דארף ערשט קומען. און ער וועט קומען! דעמאלט, זעסטו...

**באַרבאַראַ:**

וואס ביסטו זיכער, אז דעמאלט וועט נישט זיין דאס אייגענע, וואס איצט? אונזער דערלייזער איז שוין גע־קומען, אייערער דארף ערשט קומען, און פאלג מיך, ס'איז איין שווארץ יאר.



**גיטל:**

פארמאך ס'מויל. לאזסט די צונג לויפן און לעסטערסט נאך דערצו.

**זלמן:**

דאס איז דאך גרויסארטיק און גוט —
א טעאלאגישער דיספוט
פון ווייבער צוויי. די איינע יידין,
די צווייטע קריסטין אומצופרידן.

**גיטל:**

ווי צוויי איז ער א דריטער, דער פלוידערזאק...

**באַרבאַראַ:**

נא, נא, האב איך זיך דאס פאררעדט! קינדערלעך, ארעמע מיינע, געלאזט אייך אליין אין דארף און שמועס דא. אייער מאמע איז א ריכטיקער אומלויף. א גוטן טאג, גיטל. גיב מיר די עטלעכע מינצן און לאמיך אהיימלויפן. כ'זאל נאר קריגן מיט וועמען אהיימצופארן. א היפשע רייזע.

**גיטל:**

| ווייזט אויפן פעקל וואָל |

וויפיל האסטו דא?

**באַרבאַראַ:**

פונקט ווי לעצטן מאל.

**גיטל:**

אפשר וואָלסטו געקאָנט קומען אַן אנדערש מאָל נאָכן געלט? מיר זענען איצט זייער פאַרענגט.

**באַרבאַראַ:**

ניין, גיטל, דו ווערסט זיך שוין דאָ אַן עצה געבן. יידן זענען דאָך רייך. אָבער איך אין דאָרף... אַזוינע פרעסט! מיינע פיצלעך פרירן. גיב מיר איצט.

**גיטל:**

מיר זענען רייך... אויף אונזערע שונאים געזאָגט!

| זוכט אין טייסטער און באַצאָלט |





www.libtool.com.cn

**באַרבאַראַ:**

אַ שיינעם דאנק און אַ גוטע נאַכט, גיטל. א גוטע נאַכט, הער נאַר.

**גיטל:**

אַ גוטע נאכט.

**זלמן:**

צום ווידערזען!

| באַרבאַרא אפּ |

**זלמן:**

אייער אשר האָט געפונען אַן אוצר, ליבע גיטל?

**גיטל:**

וואָס מיינט איר?

**זלמן:**

כ׳מיין אַנטקעגן דעם, וואָס איך האָב אים געזען אינ־מיטן טאָג לויפן אין שול אריין. דערצו נאָך געווען אזוי פאַרחושט. ער האָט דאָך מיך צומאל נישט געזען. ווי וואַרפט מען דאָס די אַרבעט פלוצלינג? סיידן ער איז מיטאמאָל רייך געווארן.

**גיטל:**

זענט איר געקומען, הייסט עס, אויסגעפינען, אויסשפּייען, האַ?

**זלמן:**

אויסשפּייען... כ׳וויל וויסן. מען איז דאָך עפּעס אייגענע מענטשן.

**גיטל:**

א שיינעם דאנק. מען וועט אייך שוין צו וויסן טון.

**זלמן:**

הייסט עס, עס איז יאָ דא עפּעס צו וויסן?



**גיטל:**

וואס האָט איר זיך אָנגעזעצט, זלמן? אויב איר זענט געקומען גלאט עפּעס אויסצושמעקן, האט איר נישט גע־טראָפן ס׳אָרט.

**זלמן:**

אָ גיטל, כ׳ווייס, איר זענט א קלוגע, אן אשת־חיל, א ווילקענעוודיקע. כ׳האָב געזען די בריוו, וואס איר האט געשריבן פאַר אנדערע. פול מיט תורה! היינט די גרא־מען דארט. איר קאָנט עס דאָך נאָך בעסער מאַכן, ווי איך. נישט אומזיסט האט די גאַנצע שטאט רעספּעקט און מורא פאר אייך. כמעט ווי פאַר מיר, הע, הע... יא. און איך ווייס נאך אַ סך אַנדערע זאַכן.

**גיטל:**

א נייער נביא.

**זלמן:**

ניין, נישט קיין נביא. אָבער... שכל... | ווייזט אויפן כמערן. פּויזע | זעט איר, וואס איר האָט דאָ גערעדט וועגן משיחן, וואלט טאַקע געווען א גלייכע זאַך, אז ער זאל שוין קומען. כאטש, אז כען זאָל אַראפּנעמען פון מיר דידאָ־זיקע לאַטע. ע־הע! דעמאלט וואלט מען דאך מיך א סך מער גערופן צו די גויים, און פּרנסה וואלט שוין געווען מיטן פולן מויל.

**גיטל:**

איטלעכן ליגט זיינ אינזינען.

**זלמן:**

גוט געזאגט, און אייך ליגט אייערס אינזינען. נו, איר ווילט מיר כיי־ווי גארניט זאגן, לויף איך שוין.

| צעזיגנט זיך |

www.libtool.com.cn

ווען ס׳איז אין שטוב נישטא קיין מאַיד, קיין יונג,
מוז דאָרטן זיין אַ גרויסע האפנונג.
אָ, כ׳ווייס פון וואס די גוטע גיטל טראַכט,
נון ווינש איך גליק איר און א גוטע נאכט.

| אָפּ |

**גיטל:**

די גרויסע האפנונג... אומעטום שטעקט עס די נאז, אלץ דערשנאפּט עס... | טוט ארום דער שטוב, דרויסן ווערט פינסטער. גייט צו צום פענסטער, קוקט אנגסטיק דורך די טונקעלע שויבן | ווען וועט ער היינט אַהיימקומען? אשר, אשר, מאַן מיינער!... | פארקלערט זיך, דאַן צעתּחינהט זיך | גאט, מיין גאט און גאט פון מיינע עלטערן, לעבעדיקער גאט, דער דא לעבט אימער און אייביק, דער דא זיצט אויף דער שטול פון דערבאַרימקייט, זאלסט מיך דערהערן. עס זאל זיין פאַר דיר אַ שעה פון באווויליקונג און פון לייטזעליקייט, און זאלסט מיך נישט לאזן ליידיק ווידער־קערן. זע, איך האב געהאַט גאר ווייניק גוטס אויף דער וועלט, האסט מיך נישט מזכּה געווען קינדער צו האבן. ביטער איז מיין לעבן. איך בין געגליכן צו א טייך, דער דא געפלאָסן און אויסגעטרוקנט האט. באוויליק, הייליקער, גרויסער, פארכצימער שם, איך זאל זוכה זיין, דאס די טרוימען, וואָס מיר זיך געטרוימט האבן, זאלן געשטארקט און באשטעטיקט ווערן, אזוי ווי דער טרוים פון יוסף הצדיק עליו השלום. אנא, איך בעט דיך, אל־מאכטיקער האר פון דער וועלט, וואס ביי דיר איז אלץ מעגלעך, וואס מיט דיין הייליקן, געאכפּערטן שם האט משה רבינו געטון שפּאלטן דעם ים, הער צו דאס גע־שריי, וואס איך שריי צו דיר פון די טיפענישן, און דערהויב בעלי היקר, אשר בן גנענדל מיט א גרויס דערהויבעניש, ווי דו האסט געטון צו דוד המלך עליו



השלום, און ער זאל זיין א בענטשונג און א שיינדל פאַר דיין גרויסן נאמען, און אַ היילונג פאַר דעם גאנצן הויז ישראל און אַן אויסלייזונג פאר אַלע געפאלענע און פאר אלע פאַרשעמטע און פאר אלע געמיינע לייט, אמן סלה.

| פאָרהאנג |

www.libtool.com.cn

## בילד צוויי

יצחק, אברהם, פישל, גיטל, אשר לעמלען

| דיזעלביקע שטוב. אין אָונט. ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, זיצט גיטל ביים טיש מיט יצחקן אינמיטן א שמועס. פון דער גאס-טיר קומען אָן אברהם און פישל, זאָגן „גוטן אָוונט". גיטל ענטפערט, און דאַן | —

**יצחק:**

איר הערט, ר' אברהם, וואס גיטל דערציילט? אשר ווייזט זיך נישט דערפאַר, וואס ער נעמט זיך אזוי שטאַרק צום האַרצן דעם ווייטיק פון די פאַרטריבענע ברידער פון שפאניע און פאָרטוגאל. ער איז שוין גאנצע דריי טעג אין התבודדות. עסט נישט. טוט נאר פאַסטן. א, אשר, נישטא א סך אזוינע אשרס.

**אברהם:**

אזוי? אָט דערפאר זעט מען אים נישט? יאָ, אשר איז א ייד — אויף אלע יידן געזאָגט.

**פישל:**

איז הייסט עס, זלמן נאַר טאקע נישט מער ווי א לץ. דערציילט א מעשה, אז אשר האט געפונען אן אוצר. דערפאַר זעט מען אים נישט אין שול שוין דריי טעג און ער טוט צומאל נישט זיין מלאכה.



**גיטל:**

ווייס איך וואס זלמן פלוידערט. ס'איז דא צו וועמען זיך צוצוהערן.

**אברהם:**

אבער וואס זאל אשרן דאס התבודדות? אוודאי איז עס א גרויס אומגליק, אט-די אויסטערלישע צרות מיט די ברידער פון מלכות שפאניע. וועמען טוט דאס הארץ נישט וויי דערויף? נאר וואס קאן מען טון? ס'איז מסתמא אזא גזר מן השמים.

**פישל:**

אפשר וויל אשר אראפברענגען משיחן, הא, גיטל?

**גיטל:**

לאזט געמאך מיט אייערע לצנות, פישל.

**יצחק:**

טאקע, וואָס איז דא צו לאכן, פישל? הלואי וואָלט משיח געקומען מיט אן אמת. ס'איז דען אויסצוהאלטן? אָט ערשט נעכטן האבן דאך די רשעים צעטראגן מיין יאַטקע, צעראבעוועט דאס לעצטע ביינדל. איך דארף נאך גומל בענטשן, וואס איך בין א לעבעדיקער ארויס פון זייערע הענט.

**פישל:**

ווי געפעלט אייך אן איינפאל? משיח, זעט איר, דארף קומען נאר כדי מען זאל ביי יצחקן דעם קצב נישט צעשטערן די פרנסה. אן עם-הארץ בלייבט אן עם-הארץ.

| יצחק ברוגזט זיך אָן, קאָן נישט געפינען קיין וואָרט פון קרענקונג |

**גיטל:**

איר מעגט זיך בנאמנות שעמען, פישל. אז יצחק איז א פראסטער ייד, דארף מען שוין פון אים לאכן? און איר מיינט, אז משיח אליין וועט קומען ווי עפעס א גרויסער

שררה, ווי א גראף? משיח וועט אויך קומען ווי א
פראסטער מענטש. ווער נאך ווי דאס געמיינע פאלק,
דארף אזוי אויסגעלייזט ווערן?

**פישל:**

זאָל זיין אַזוי. זאָל זיך יצחק פרייען... ווו איז פּאָרט
אשר? שוין פשוט פאַרבענקט זיך נאָך אים!

**גיטל:**

ווו זאָל ער זיין? ביי זיך אין חדר.

**יצחק:**

| ניט קוקנדיק אויף פישלען און דירעקט צו אברהמען |

אָבער ער וויל ניט אַרויסקומען. שוין דריי מעת-לעת און
ער וויל גאָרניט נעמען אין מויל אַריין, פאַסט און וויל
נאָר זיין אין התבודדות.

**אברהם:**

אפשר אים אַ רוף טון. האַ? אַ מענטש קאָן דאָך ניט
זיין אַ מאבד עצמו לדעת. טאַקע צרות, שווערע צייטן.
און נאָר אין שפּאַניע? אונז דאָ פעלט אויך ניט. אָט די
מעשה מיט דעם משומד, וואָס האָט אָנגערעדט אונזערע
ערגסטע צוררים, די דאָמיניקאַנער ברידערלעך, אויף אונ-
זערע הייליקע ספרים, און זיי, די רשעים, ווילן אַלץ רק
פאַרברענען... באַלד, גיטל, וועלן זיי קומען צו אייך און
צונעמען אָט די גמרות און אַנדערע ספרים. ס'איז אונז
גוט. וואָס אַ משומד, אַ נבזה, קאָן איינפאַלן!

**גיטל:**

אשר איז זיך שטאַרק מצער וועגן דעם אויך...

**פישל:**

איר מיינט, דעם נייעם אָפּטריניקן, ימח שמו וזכרו?
דאַכט זיך אויך אַ קצב?

**יצחק:**

| אַן אָפּגעבריטער |

וואָס עפּעס אויך? קאַרג משומדים צווישן סוחרים?



www.libtool.com.cn

**אברהם:**

טאָמער וואָלט אירביידע אויפגעהערט אַמאָל? דאָ רעדט
מען וועגן אַזוינע אומגליקן. אשר, הערט איר דאָך,
ווייזט זיך נישט אויף דער ליכטיקער שיין צוליב דעם,
און זיי ליגט אינזינען צו חכמהנען זיך. פונדעסטוועגן,
גיטל, איז ניט קיין שכל פון אשרן זיך צו באַהאַלטן.
מען דאַרף אים רופן.

| לאָזט זיך צו דער טיר |

**גיטל:**

ניין, ניין, רופט אים ניט. מען דאַרף ניט רופן.

**אברהם:**

נו, אויב איר ווילט ניט. אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ
דרך?...

**גיטל:**

מסתמא ווייסט אשר וואָס ער טוט.

**יצחק:**

צי ער ווייסט? אויף אשרן קאָן מען זיך פאַרלאָזן.

**פישל:**

איך זאָג אייך, ניט אַנדערש, ווי אשר וויל אַראָפּברענגען
משיחן.

**גיטל:**

| אין פלוצלינגדיקן צאָרן |

הערט אויף צו לאַכן, פישל!

| פישל וויל עפּעס ענטפערן, אָבער אי ער, אי אַלע ווערן
שטיל,ווען פון יענער זייט טיר, אין צווייטן חדר, צעטראָגט
זיך אשרס קול |

**אשר:**

| הינטער דער טיר |

„ווי אַן אָרימאַן צווישן אָרעמע-לייט וועט ער קומען, ווי
דער נידעריקסטער וועט ער זיך טון באַווייזן. דאָס
רשעות האָט דערגרייכט דעם ברעג, אַריבער דעם ראַנד

www.libtool.com.cn

פליסט די בייזקייט. די זיילן פון דער וועלט טוען זיך טרייסלען, שאָקלען טוט זיך שאָקלען דער יסוד פון דער ערד. אַ קול איז אַרויסגעגאַנגען פון אויבן, אַ שטים האָט גערופן פון כסא הכבוד: די קליינע וועלן געגרויסט ווערן, און די נידעריקע וועלן ווערן דערהויבן. קיינער וועט ניט וויסן פון וואַנען ער איז געקומען, אָבער אַלע וועלן זאָגן: אָט איז ער דער גואל!״ | ביי די לעצטע ווערטער עפנט זיך די טיר, אויפן שוועל באַווייזט זיך אשר, אַן אויסגעצערטער, אַ פאַרגייסטיקטער, און ער פאַרענדיקט | עס וועט געשען ביים סוף פון יאָר, ביים אויסלאָז פון רפ״א וועט עס ווערן אַ וואָר!

| אַלע שטאַרק איבעראַשט און דורכגענומען, גיכל, קענטיק, דערפרייט און פול מיט זיכערקייט. ביי קיינעם עפנט זיך אַ היפשע ווייל'ע נישט דאָס מויל. ענדלעך, געפינט זיך אברהם |

**אברהם:**

ווי איר זעט אויס, אשר? איר זענט דאָך אַ מאבד עצמו לדעת, בנאמנות!...

**אשר:**

| גייט זיך איבער אַ פאָר מאָל איבערן שטוב, בלייבט שטיין ביי אברהמען |

איר הערט, אברהם: יאָרן וווין איך אונטער אָט-דעם דאַך, יאָרן אָטעם איך, לעב איך, וואַרט איך — נס, נס! און איר זעט זי | אויף גיטלען | נאָר זי טוט און וואַרט. אויף וואָס וואַרט זי? אַלץ אויפן נס. איך זאָל אויפשפּאַרן די טויערן פון הימל, דערגיין צום האַרץ פון דער וועלט און פון דאָרטן ברענגען דאָס פאַרבאָרגענע ליכט פון חסד און רחמים. איך, איך. איך — אשר בן גענענדל. | שטעלט זיך אָפּ, גייט ווידער אַרום איבערן שטוב. קאָן זיך נישט געפינען קיין אָרט און בלייבט ווידער שטיין פאַר אברהמען, זאָגט ווי ער וואָלט געקוקט איבער זיי אַלע | קוקט אָן די ווענט — קנוילן, גאַנצע קנוילן וואָרטעניש, גלויבן, בטחון הויערן אויף זיי.



| לענגערע פויזע. אינערלעך געראַנגעל. אַלע קוקן אויף אים אין אויפגערעגטער אָנשטרענגונג. אשר ציט זיך מיטאַמאָל אויס און מיט אַ באַוועלטיקנדיקער שטים | און ענדלעך, אברהם, איר הערט אַלע? ענדלעך איז דער נס געשען!

| אַלע וואַרטן מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס |

**אשר:**

| זעצט פאָרט אָפּגעהאַקט און אויפגערעגט |

עס איז געווען מיט דריי טעג צוריק. איך האָב נישט געקאָנט איינזיצן ביים וועבשטול. די געדאַנקען האָבן מיר זיך געמישט, געפילט, אַז עפּעס וועט געשען, עפּעס וועט... כ'בין אַריין אין שול און דאָרט אָפּגעזעסן ביז שפּעט אינדערנאַכט. כ'בין געבליבן אַליין און געווען פאַרטון, ווי געוויינטלעך, אין חשבונען דעם קץ.

**יצחק:**

אַזוי!

**אשר:**

און עפּעס ווערט מיר אַזוי לויטער, גלייך אַ ליכט וואָלט איבער מיר אויפגעגאַנגען, און איך דערזע, אַז דער קץ איז זייער נאָענט, ממש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. טאַקע ביים סוף פון דעם יאָר.

**פישל:**

איר מאַכט קאַטאָוועס, אשר?

**אשר:**

איך זאָג, וואָס איך זאָג.

**אברהם:**

נו, און וואָס ווייטער? ווו איז דער נס?

**אשר:**

| פּעכט און באַצווינגנדיק |

איך בין דער נס! איך, איך. איך — אשר בן גענענדל!

**פישל:**

ס'הייסט?

www.libtool.com.cn

**אשר:**

איך בין דער נס. גאָטס קול האָב איך דעמאָלט געהערט – טאַקע דאָרט אין שול, אינדערמיט פון דער ליכטיקייט, וואָס האָט מיך אַרומגענומען. גאָטס קול האָט גערופן: אשר דו! אשר דו! אשריך אשר! אַז וויל צו דיר אשרו! | פּויזע | אשר איז בגמטריא איינער פון משיחס נעמען... אָט לייענט אין זהר.

| כאַפּט אַרויס אַ ספרל פון טאַש, מישט, ווייזט אברהמען. אַלע בלייבן שטיל אַ רגע, ווייסן נישט וואָס צו טון. גיטל שטראַלט מיט נצחון, שווייגט׳דאָך. דער ערשטער כאַפּט זיך אויף יצחק |

**יצחק:**

גאָט גערעכטער! גרויסער גאָט! פאַרוואָס טאַקע נישט? איר, אשר, רב אשר! פאַרוואָס נישט? משיח דאַרף זיין אַ פשוטער מענטש. ווי איך. ווי מיר אַלע... וואָס דען – אַ שררה? איינער פון אונז! פון פּראָסטן פאָלק. וואָס, ניין, גיטל?

**גיטל:**

| קאָן זיך מער נישט איינהאַלטן. ברעכט אויס מיט אַבסאָ-לוטע זיכערקייט |

ס׳איז אמת, יידן! איך ווייס. איך האָב עס געזען אין חלום.

| אשר אַ פאַרוואונדערטער, קוקט זי אָן. פישל קוקט אויף ביי׳ן מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט געוואָגן עפּעס אַ טייערע זאַך, ווייסט נישט, צי זאָל צוואַרפן אָדער אַראָפּנעמען |

**אברהם:**

וואָס האָט איר געזען אין חלום, גיטל?

**יצחק:**

דערציילט, גיטל קרוין.

**גיטל:**

נישט איינמאָל, נאָר הונדערט מאָל. איך האָב געזען, אַז אשר איז משיח...



**אברהם:**

וואָס רעדט איר, גיטל?

**גיטל:**

ווי איך בין אַ יידיש קינד, רב אברהם. געזען אשרן אויפן הימל צווישן די הייליקע אבות און צדיקים, און ער איז געווען משיח.

**יצחק:**

אַזוי? געזען אשרן אויפן הימל? איז עס דאָך אמת, איז עס דאָך אמת! גוואַלט, יידן, וואָס מיר האָבן זיך דער-לעבט! וואָס פאַראַ זכיה מיר האָבן! ר׳ אברהם, פישל, וואָס זאָגט איר דערצו?

**פישל:**

כ׳מיין... אַלץ בעסער, ווי צו צאָלן צינזן און זיין ביי די גויים אין די הענט...

**אברהם:**

אַז ר׳ אשר זאָגט עס מיט זיין אייגן מויל... געהערט גאָטס רוף, און גיטל האָט עס בפירוש געזען אין חלום... כ׳ווייס... ביי גאָט איז אַלץ מעגלעך.

**יצחק:**

| צו אשרן |

ר׳ אשר, זאָגט: זאָל איך לויפן אין שטאָט אָנזאָגן די גרויסע בשורה? זאָל איך פריער גיין צום רב?

**אשר:**

עס וועט שוין אַלץ זיין, ווי ס׳דאַרף צו זיין. געדענקט – ביים סוף פון יאָר. וואַרט אויף די סימנים, עס וועלן זיין גרויסע צייכנס אויף דער ערד און אויפן הימל. ביז דאַן דאַרפן מיר זיך גרייטן, לייטערן זיך. ביז דאַן וואַרט און טוט, וואָס איך וועל אייך הייסן. גייט איצט, מיינע פריינט, לאָזט מיך אַליין.

**אברהם:**

יאָ, מען דאַרף גיין. אודאי דאַרף ר׳ אשר איצט

התבודדות. נו, אַ מעשה! אויף אַזוינס זיך נישט געריכט!
ביי גאָט איז אַלץ מעגלעך. קומט, פישל, קומט, יצחק.

**יצחק:**

ר׳ אשר האָט געהערט גאָטס רוף, און גיטל האָט עס
געזען אין חלום. איז עס דאָך אמת, די הייליקע וואָרהייט!
אוי, ר׳ אשר, אוי, ר׳ אשר! אוי, וועט עס זיך ירוחם
טישלער פרייען. קומט.

| אברהם, פישל, יצחק — אָפּ |

**אשר:**

וואָס האָסטו געזען אין חלום, גיטל?

**גיטל:**

דיך, אשר, דיך. אויפן הימל צווישן אַלע צדיקים און
אבות.

**אשר:**

פאַרוואָס האָסטו עס מיר נישט פריער דערציילט?

**גיטל:**

איך האָב געוואַרט, אַז דו אַליין זאָלסט... פאַרשטייסט?

**אשר:**

וויאַזוי איז דאָס געווען, כ׳מיין, וויאַזוי האָסטו מיך
געזען?

**גיטל:**

ביסט געזעסן אויבנאָן. ס׳הייסט, פריער האָב איך נישט
געזען, ווער עס איז. אַלע הייליקע צדיקים זענען געזעסן
אַרום איינעם, וואָס איבער אים האָט געשיינט אַזאַ גרויס
ליכטיקייט. האָט דער איינער מיך צוגערופן אַזוי פריינט-
לעך, אַזוי ליבלעך. איך האָב תחילת מורא געהאַט; פאַר-
שטייסט? אָבער ווען איך בין צוגעגאַנגען נענטער, האָב
איך געזען, אַז דאָס ביסטו. דיין פנים האָב איך דערזען,
און מיר איז געוואָרן אַזוי גוט, אשר. כ׳האָב דערנאָך
אַלץ געוואַרט, געוואַרט...



www.libtool.com.cn

**אשר:**

פון וואַנען האָסטו געוווּסט, אַז איך, איך מיין, דער
איינער איז געווען משיח?

**גיטל:**

כ׳האָב געהערט, ווי זיי האָבן צו אים געזונגען. קלאָר
געהערט, ווי איך הער איצט מיין אייגן קול. וואַרט נאָר,
אָט איז עס:

לויבט דעם אויסדערוויילטן, אָנגעבריטן,
לויבט ישראלס ליכטיקן שליח.

**אשר:**

אין עברי-טייטש האָבן די צדיקים אויפן הימל געזונגען?

**גיטל:**

יאָ, אין עברי-טייטש, אין דעם לשון פון דעם פּראָסטן
פאָלק.

| הייבט ווידער אָן פונדאָסניי און זינגט אַרויס דאָסמאָל
זיכער און שיין |

לויבט דעם אויסדערוויילטן, אָנגעבריטן,
לויבט ישראלס ליכטיקן שליח.
טוט פאַר אים דעם ברייטן וועג אויסשפּרייטן,
זינגט און פרייט דעם מלך המשיח.

**אשר:**

| הערט זיך צו, קאָן קוים איינשטיין פון אויפרעגונג. זאָגט
מיט אַ ציטערנדיקער שטים |

זינג עס נאָכאַמאָל, גיטל.

| גיטל זינגט נאָכאַמאָל. אשר אַליין כאַפּט אונטער דאָס
געזאַנג, און דער פאָרהאַנג פאַלט אויף אַן עקזאַלטירט-זינגענ-
דיק פּאָר |

| פאָרהאַנג |

# בילד דריי

האַנס פּייפּערליין, עלזע, טאָמאַס גראָסמער, יאָהאַן מאַצלער, ווילהעלם פּאָגעלער, דיטריך הובער, באַרבאַראַ, היינריך רעדעלער.

| אַ פאַרזאַמלונג פון דייטשע פּויערים אין דער קרעטשמע פון דאָרף. אַ סך פּויערים אין גרויסער אויפרעגונג. רעליגיעזער בּרען מיט רעוואָלט אַנטקעגן סאָציאַלן אומרעכט. די האַנדלונג קומט פאָר אַ פּאָר חדשים שפּעטער, ווי די פריערדיקע |

**האַנס פּייפּערליין:**

...יאָ, די קעניגין פון הימל האָט מיר גאַנץ קלאָר און דייטלעך געזאָגט: גיי, האַנס, גיי אַרויס צו דיינע בּרידער, די פּויערים אויפן לאַנד, און צו די האַנטווערקער אין די שטעט, און לאָז זיי וויסן, אַז זיי דאַרפן נישט ליידן, אַז עס איז נישט רעכט, וואָס זיי זענען אָרעם, הונגעריק און נאַקעט. שרעק זיך נישט, זאָגט זי, האַנס. גיי אויך צו די גייסטלעכע און בּישאָפן און צו די ריטער און מאַרקגראַפן און דערצייל זיי, אַז זיי זינדיקן דערמיט, וואָס זיי האָבן אַלץ גענומען פאַר זיך און דאָס געמיינע פאָלק געמאַכט פאַר קנעכט.

**היינריך רעדעלער:**

ווייס איך וואָס דו רעדסט דאָרט. האָסט די גאַנצע מעשה, מסתמא, פון עמעצן געהערט.



**עלזע:**

הער אים נישט, האַנס. מיר גלויבן דיר. דערצייל ווייטער. וויאַזוי, האַנס, וויאַזוי האָט זיך גאָטס מוטער דיר באַוויזן? דערצייל אַלץ אויספירלעך.

**טאָמאַס גראָסמער:**

ער האָט שוין דערציילט. האָסט געדאַרפט פריער קומען. מיר ווייסן שוין.

נאָך שטימען:

מיר ווייסן שוין.

**האַנס פּייפּערליין:**

איך וועל נאָכאַמאָל דערציילן. זאָלן אַלע וויסן. אַלע מעגן הערן.

אַנדערע שטימען, דערהויפּט פרויען-שטימען:

זאָל ער דערציילן. וועלן מיר נאָכאַמאָל הערן. עס איז דאָ וואָס!

**האַנס פּייפּערליין:**

איך זיץ אַזוי מיט מיינע שאָף און פייף. עס איז שוין געווען פאַרנאַכט. די זון האָט זיך געזעצט און אויפן אַנדערן זייט הימל האָט זיך באַוויזן די לבנה אַ בלאַסע, אַן אומעטיקע. פּלוצלינג זע איך — אַ קרייז לייכט איבער דער לבנה, און פון דעם קרייז אַרויס אַ געזיכט. איך קוק — גאָט מיינער! גאָט מיינער! עס איז דאָס געזיכט פון דער הייליקער מוטער פון אונזער דערלייזער. נאָך אַ ווײַלע און זי גייט אַראָפּ פון הימל, און קומט צו צו מיר, האַנס פּייפּערליין. און זי לייגט אַרויף איר ליכטיקע האַנט אויף מיין שטערן און זאָגט צו מיר...

**טאָמאַס גראָסמער:**

נו, דאָס ווייסן מיר שוין. אַלע ווייסן שוין און דאַרפסט נישט איבערדערציילן.





www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

**יאָהאַן מאַצלער:**

וואָס ביסטו אַזוי אומגעדולדיק, טאָמאַס? רעדט נישט האַנס וואָרע רייד?

**האַנס פּייפּערליין:**

נישט איך זאָג אָט־די רייד. דאָס האָט מיר זי, גאָטס הייליקע מאַמע, די מוטער פון אונז אַלעמען, געהייסן זאָגן.

**יאָהאַן מאַצלער:**

נו, געוויס. אָבער עס איז די וואָרהייט. יעדעס וואָרט איז ריכטיק.

**באַרבאַראַ:**

וואָר איז דאָס! אָבער אויב די קעניגין פון הימל האָט אים טאַקע געהייסן גיין צו די בישאָפן און די מאַרקגראַפן, מאַכט זי זיך נאַריש. מעג זי זיין גאָטס הייליקע מוטער אַליין. זיי, די ליבהאַרציקע האַרן אונזערע, זיי דאַרף מען נאָר...

| ווייזט מיט די הענט אויף דערוועריגן |

**היינריך רעדעלער:**

גוט, באַרבאַראַ, דאָס שטימט שוין. גיין צו די האַרן! אומזין! גייט דאָך. פּרובירט!

**האַנס פּייפּערליין:**

אַזוי האָט זי געהייסן, און מיר מוזן פאָלגן.

**עלזע:**

באַשטימט אַזוי. באַרבאַראַ איז נישט קיין עכטע קריסטין, ווי מיר. דאָס ציגיינער־בלוט רעדט אין איר.

**באַרבאַראַ:**

אַזוי? נישט קיין גוטע קריסטין? נו. געוויס, עלזע. וועסטו, די פרומע, וואָס קריכסט צו די מאָנאַכן, ווען קיינער זעט נישט, וועסטו גיין די ערשטע צום מאַרקגראַף.

| עטלעכע פויערים און פויערטעס צעלאַכן זיך ציניש |

**עלזע:**

האָסט שוין אָנגעהויבן מיט דיין צונג, באַרבאַראַ? אויב



אַלע וועלן גיין, וועל איך אויך גיין, א׳ן אָן דיר וועט מען שוין אויסקומען.

**האַנס פּייפּערליין:**

אָט הויבט זיך אָן מיט ווייבער. דאָ דערצייל איך, וואָס גאָטס מוטער האָט מיר אָנגעזאָגט, ווי זי האָט מיט איר אייגענער גענאָד באַוויזן זיך צו מיר, מיר געלייגט איר ליכטיקע האַנט אויפן שטערן, און...

**טאָמאַס גראָסמער:**

נו, גענוג, האַנס. מיר ווייסן דאָס שוין אַלעס. אויב גאָטס מוטער האָט זיך דיר באַוויזן און געזאָגט אָט־די גוטע און וואָרע ווערטער, דאַרפסטו זיך זיכער פרייען, און דו וועסט געוויס זיצן אויבנאָן אין הימל. אָבער מיר דאַרפן דאָך עפּעס טון, יאָ? דאָס האָט דאָך די קעניגין פון הימל אויך געהייסן.

**אסאך שטימען:**

געוויס טון, אָבער וואָס?

| עס טרעט אַרויס ווילהעלם פאָגעלער, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אָן אַ זייט, זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צום געשפּרעך און גלייכצייטיק געווען פאַרטיפט אין זיך |

**ווילהעלם פאָגעלער:**

איך הער אייך רעדן, ברידער, און איך וווּנדער זיך אויף אייך. דאַרף אייך האַנס פּייפּערליין דערציילן, ווי ביטער עס איז דאָס לעבן פון דעם געמיינעם מאַן, ווי דעם פויער ביים האַר איז ערגער, ווי זיין יאַגד־הונט, ערגער, ווי זיין רייטפערד, ערגער, ווי דעם אָקס און דער קו אין שטאַל? | האַנס פּייפּערליין וויל עפּעס זאָגן, ווילהעלם שטעלט אים אָפּ מיט זיין האַנט | רויק, האַנס, מען האָט נישט צו דיר. דיר האָט זיך באַוויזן גאָטס מוטער, איז דאָס גוט. ווייזט עס, אַז גאָט האָט נאָך נישט אינגאַנצן פאַרגעסן דעם געמיינעם מאַן. עס איז אַ גוטער צייכן. אָן גאָט — נישט פון שוועל. עס זענען דאָ נאָך אַנדערע גוטע צייכנס.

www.libtool.com.cn

איך וועל אייך באַלד דערציילן. אָבער אָן האַנס פּייפּער־ליינס אָפּנבאַרונג ווייסט איר נישט, ווי גוט עס איז אייך ברידער. זענט איר צופרידן, פּויערים?

**באַרבאַראַ:**

אַזוי צופרידן, אַז כאָטש פון בריק אין וואַסער!

**היינריך רעדעלער:**

עס איז פאַרבאָטן! דאָס וואַסער געהערט צום מאַרקגראַף!

**ווילהעלם פאָגעלער:**

ריכטיק. דאָס וואַסער געהערט צום האַר! דער פּויער קאָן זיך אַפילו אין וואַסער נישט טרינקען. דעם פּויערס לעבן איז אין אַלץ פאַרצאָמט און פאַרשטעלט. ער טאָר נישט גיין שפּאַצירן אויפן פעלד, עס געהערט צום בישאָף. ער טאָר נישט קלויבן קיין יאַגדעס אין וואַלד — עס געהערט דעם מאַרקגראַפס ריטער. און דער פּויער טאָר נישט פאָרן אויף די וועגן — זיי געהערן דער קירך. אַלץ איז זייערס. קיין שום זאַך איז נישט אונזערס!

**שטימען:**

אַלץ איז זייערס, קיין שום זאַך איז נישט אונזערס!

**ווילהעלם פאָגעלער:**

אונזערס איז נאָר. די שווערע מי און דער ווייטיק, און די נויט, און דער רעגן, און דער בייזער ווינט, און דער האָגל אויף די פעלדער. אונזערס זענען די שמאַטעס, וואָס מיר טראָגן אויף זיך, און דער דאַרער ביסן ברויט פון האָבערמעל, געמישט מיט שטרוי, און דאָס וואַסער, וואָס מיר מוזן גראָבן אין דער ערד. הערט, ברידער, גאָטס מוטער איז זיכער גערעכט. אַלע מענטשן דאַרפן זיין גלייך. עס וועט זיין שלעכט אין דייטשלאַנד און אויף גאָטס גאַנצער ערד, ביז וואַנען אַלע גיטער וועלן נישט געהערן צו אַלעמען, און ביז וואַנען עס וועלן זיין אַדעליקע און פּויערים, האַרן און קנעכט. און ווער מאַכט זיי פאַר די האַרן? מיר!! וואָלטן זיי אָן אונז געקאָנט טראָגן



פעלצן און סאַמעטענע קליידער און עסן זעמל־מעל, און טרינקען וויין, און ווינען אין פיינע הייזער? ניין! אַ דאַנק אונזער נויט און שווערער מי זענען זיי האַרן. זאָג איך ריכטיק?

**שטימען:**

ריכטיק! אָהאָ, ווי ריכטיק!

**ווילהעלם פאָגעלער:**

און וויל גאָט אַזוי? ניין! ער איז דער פאָטער פון אונז אַלע. מיר קומען אַלע אַרויס פון אדם און חוהן, און ווי זינגט זיך דאָס באַקאַנטע לידל:

וועןְ אדם האָט געאַקערט אין פעלד,
און חוה האָט געשפּונען איר ליין —
ווער איז דאַן האַר געווען אויף דער וועלט,
און ווער האָט קנעכט געקאָנט דאַן זיין?

(ביי די ערשטע פּאָר ווערטער כאַפּן אַלע אונטער דאָס לידל און זינגען עס עטלעכע מאָל איבער)

**ווילהעלם פאָגעלער:**

גוט, איר זינגט. אָבער מיטן זינגען אַליין וועט מען נישט אויסקומען. מען דאַרף טון, און איך וועל אייך זאָגן וואָס.

**שטימען:**

וואָס? וואָס?

**ווילהעלם פאָגעלער:**

הערט מיך אויס. מיר דאַרפן זיין פאַראייניקט. נישט בלויז די פּויערים פון אונזער דאָרף. פון אַלע דערפער. פון גאַנץ דייטשלאַנד. אומעטום רודערט עס זיך צווישן די געמיינע לייט. אויך צווישן די האַנטווערקער אין די שטעט. איך האָב עס געזען מיט מיינע אויגן. אַלע צוזאַמען וועלן מיר זיין שטאַרק. אַלע צוזאַמען וועלן מיר קאָנען צווינגען נישט נאָר דעם מאַרק־גראַף, נאָר אויך די פּרינצן און הערצאָגן, דעם קייזער אַליין צוצוהערן זיך צו אונזערע פאַרלאַנגען. פריער וועלן מיר פּרובירן מיט גוטן.

**באַרבאַראַ:**
מיט גוטן וועט מען אונז בלויז אויסשעכטן.

**ווילהעלם פּאָגעלער:**
געלאַסן. פריער מיט גוטן. און אויב מיט גוטן וועט נישט גיין, וועט מוזן גיין מיט שלעכטן. מיר וועלן זיך באַוואָפענען מיט אונזערע שניט-מעסערס און שערן. מיט אונזערע היי-גאָפּלען און גראָב-אייזנס. און וועמען עס וועט אויספעלן געצייג, וועלן מיר נעמען דרענגלעך פון וואַלד. אָבער פריער מיט גוטן פּרובירן. מיר זענען קריסטן, און אונזער האַר האָט געהייסן זיין גוט אויך צו די פיינט...

| דאָ שטייט אויף דער דאָרף-גייסטלעכער, דיטריך הובער, וואָס איז אריינגעקומען אומבאמערקט, ווען ווילהעלם האָט גערעדט |

**דיטריך הובער:**
ריכטיקע רייד זאָגט ווילהעלם. מיט גוטן דאַרף מען פּרובירן. ווי עס שטייט אין די הייליקע שריפטן. די האַרן וועלן נישט קאָנען לייקענען.

**באַרבאַראַ:**
ווי קומט אַהער דער גלח? געוויס נאָר אויסצוגעפינען וואָס און ווען, און שפּעטער אונז אַרויסצוגעבן צום בישאָף, צום לאַנדגראַף.

**היינריך רעדעלער:**
נו, נאַטירלעך. די פּאָפּן עסן אונז, פּויערים, נישט ווייניקער ווי די ריטער און זייערע געדונגענע זעלנער.

**דיטריך הובער:**
געלאַסן, ברידער. איר קענט מיך און איר דאַרפט וויסן, אַז איך בין נישט אַזאַ גייסטלעכער, ווי עס זענען מאַנכע אַנדערע, צו מיין שאַנד. איך בין מיט אייך, ברידער. דאָס, וואָס איך רעד צו אייך אין דער קירך, — אין דעם גלויב איך. אין די הייליקע שריפטן הייסט מען נישט לעבן אַזוי, ווי מען לעבט איצט אין דייטשלאַנד. דער



אָרימאַן איז אויבנאָן אין די הייליקע שריפטן, און דעם רייכן הייסט מען אָפּגעבן דאָס, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט.

**באַרבאַראַ:**
אָנגעזאַמלט? אָנגערויבט, מיינט איר, הער גייסטלעכער! אָנגערויבט, צוגעכאַפּט דעם ביסן פון מויל, געפרעסן אונזער לייב און לעבן.

**עלזע:**
ווו נעמט זי די פרעכקייט צו רעדן אַזוי צום פּאָטער דיטריך?

**היינריך רעדעלער:**
שווייג, עלזע! פריי זיך בעסער מיט דיין ווייבעריש האַרץ, וואָס אַן אַנדער פּויערטע האָט אַ קאָפּ דאָרט, ווו ביי דיר איז נאָר אַ הייפּטל קרויט.

**דיטריך הובער:**
רויק, רויק, ברידער. זאָל זיין אָנגערויבט. איך מיין דאָס זעלבע. אין די הייליקע שריפטן איז מען קעגן רויב און גוואַלט. גאָט וויל גערעכטיקייט און גלייכהייט.

**היינריך רעדעלער:**
עס איז שוין איבערדריסיק צו הערן אָט-די רייד. דער בישאָף רעדט אויך אַזוי. און זעט ווי ער לעבט! אין סאַמעט און זייד גייט ער אָנגעטון, אין קאַרעטן מיט גאָלדענע קרוינען פאָרט ער, און ווען אַ פּויער נעמט אַ פישל פאַר זיך פון טייך, האַקט מען אים אָפּ די הענט!

**באַרבאַראַ:**
טאַקע, מיין אייגענעם טאַטן דערפאַר די הענט אָפּגעהאַקט!

**דיטריך הובער:**
איך ווייס. און עס איז אַ גרויס אומרעכט. בין איך דערפאַר מיט אייך. דעריבער דאַרפן זיך אַלע פּויערים פון דעם לאַנד צוזאַמענעמען און ווייזן די האַרן, וואָס עס הייסן די הייליקע שריפטן.

www.libtool.com.cn

**באַרבאַרא:**

די האַרן ווייסן דאָס גוט אָן אונז. זיי ווייסן אין די הייליקע שריפטן און אין אַלע ביכער בעסער פון אונז. דאָס גאַנצע אומגליק קומט פון אייערע שריפטן, וואָס איר, גלחים, פרעדיקט פון זיי. איר פרעדיקט, און די בי־שאָפן פרעדיקן, און דער פויפסט אין רוים פרעדיקט טאָג און נאַכט. האַ, פויערים? | אלגעמיינער געמורמל | אָבער וואָס קומט אונז אַרויס דערפון? מען זאָגט אונז אַלץ צו אַ גוט לעבן אין הימל, און אויף דער ערד מאַכט מען אונז דעם טויט.

**היינריך רעדעלער:**

און אויב מען באַקלאָגט זיך, אויב עמעצער וויל געפינען גערעכטיקייט אין רוים – ווערט אונז נאָך ערגער!

| איין פייער זינגט דאָ ארויס, און אסאך כאפן אים אונטער |

פאָרט קיין רוים דער גוטער מאַן,
איז דאָך ריין און שיין זיין האַרץ;
פאָרט צוריק דער גוטער מאַן,
איז ער ווי דער טייוול שוואַרץ.

**דיטריך הובער:**

איר זענט אַלע גערעכט, ברידער. און איך אַליין גלויב אויך נישט מער אין רוים. און נישט נאָר איך, אַסאַך גייסטלעכע. די מאַכט פון רוים וועט שוין לאַנג נישט אָנהאַלטן. אָבער עס קאָן נישט קומען מיטאַמאָל. ווען מיר וועלן זיין פאַראייניקט, וועלן מיר שוין אַלץ אויספירן. איך וויל דאָס זעלבע ווי איר. גלויבט איר מיר?

**טאָמאַס גראָסמער:**

וואָס וואָר איז וואָר. פאָטער דיטריך האָט אונז שטענדיק באַשיצט. און, אַז ער זאָגט איצט, אַז ער וויל גיין מיט אונז, דאַרפן מיר אים גלויבן און דאַנקען.

**עלזע:**

יאָ, פאָטער דיטריך איז אַ גוטער. ער האָט זיך פאַר אונז שטענדיק אָנגענומען.



*ע ט ל ע כ ע  ש ט י מ ע ן:*

ריכטיק, ריכטיק!

**ווילהעלם פאָגעלער:**

טאָמאַס איז גערעכט. מיר דאַרפן דאַנקען פאָטער דיטריכן. לאָמיר אים אַריינגעמען אין אונזער ברודערשאַפט, זאָל ער ווערן אונזער פירער.

**יאָהאַן מאַצלער:**

מיין געדאַנק! זאָל פאָטער דיטריך ווערן אונזער פירער. מען קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן.

*א ו י ס ג ע ש ר י י ע ן:*

וויוואַט פאַר פאָטער דיטריך! וויוואַט פאַר אונזער פירער!

**דיטריך הובער:**

איך דאַנק אייך, ברידער, פאַר דעם צוטרוי, וואָס איר ווייזט מיר אַרויס, פאַר דער ערע, וואָס איר טוט מיר אָן. הערט מיך אַלזאָ אויס: פיל פון אייך ווייסן שוין געוויס, ווילהעלם ווייסט און טאָמאַס אויך, אַז איבערן גאַנצן לאַנד איז אומרויִק דער געמיינער מאַן. דער פויער דאָרשט נאָך וואָרהייט און גערעכטיקייט. עס קומט אויף אונז די גנאָד פון הימל. גאָט וויל...

**האַנס פּיפערליין:**

האָט דאָך מיר גאָטס הייליקע מוטער געזאָגט: גיי, האַנס...

*א ס א ך  ש ט י מ ע ן:*

מיר ווייסן שוין! מיר ווייסן שוין!

**דיטריך הובער:**

איך האָב עס שוין אויך געהערט, האַנס. יאָ, עס איז גאָטס צייט אַצינד. איך האָב געהערט, אַז אויך די יידן האָבן אויסגערעכנט, אַז אין דעם יאָר דאַרפן זיין גרויסע געשעענישן, גרויסע איבערקערענישן.

**ווילהעלם פאָגעלער:**

איך האָב אויך געהערט. דאָס האָב איך טאַקע פריער

געוואָלט דערציילן. אין דער שטאָט אולמסבורג גרייטן זיך די יידן זייער שטאַרק. אַ געוויסער אשר לעמלען האָט געזען גרויסע זעונגען, און אַלץ וועגן דעם, אַז דער געמיינער מענטש מוז ווערן פריי און קריגן גערעכטיקייט...

**באַרבאַראַ:**

אשר לעמלען? פון אולמסבורג, דער גיטלס מאַן?

**ווילהעלם פאָגעלער:**

יאָ, ער.

**באַרבאַראַ:**

אָ, איצט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס זי איז אים אַזוי איבערגעגעבן. ער זעט זעונגען... אָבער מיר געפעלט ער נישט, דער הימלקוקער. איך גלויב נישט אין קיין הימלקוקערס!...

**ווילהעלם פאָגעלער:**

וואָלסט בעסער איצט געשוויגן, באַרבאַראַ. הער זיך צו, וואָס קליגערע פאַר דיר רעדן.

**האַנס פייפערליין:**

און איך האָב נישט קיין צוטרוי צו אַ ייד. ווי קומט ער צו זען זעונגען? זיי גלויבן דאָך נישט אין דער דרייאייניקייט. זיי לעסטערן גאָטס מוטער...

**דיטריך הובער:**

יאָ, די יידן גלויבן נישט אַזוי, ווי מיר. אָבער מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז אונזער דערלייזער אַליין איז אויף דער ערד געקומען ווי אַ ייד. זיי זענען אַ מערקווירדיק פאָלק, די יידן. גאָט קלויבט זיי אָפט אויס פאַר די אָנזאָגער פון זיין וואָרט. און ווען אַ ייד זעט איצט זעונגען, מוז אין דעם עפּעס זיין.

**טאָמאַס גראָסמער:**

וואָלט פיליכט געווען אַ פּלאַן מען זאָל פאָרן קיין אולמסבורג און אויסגעפינען, אויב עס קאָן אונז דערפון וואָס גוטס אַרויסקומען?



**דיטריך הובער:**

נישט קיין קרומער געדאַנק. אויסגעפינען שאַדט קיינמאָל נישט. צווישן יידן זענען דאָ גאָר פיל הייליקע לייט. גאָטס וועגן זענען אונז נישט באַוווסט.

**עלזע:**

מעגלעך, די יידן וועלן איצט ווערן קריסטן, אָננעמען אונזער הייליקן גלויבן.

**יאָהאַן מאַצלער:**

הערט — זי איז דאָך טאַקע גערעכט!

**דיטריך הובער:**

דאָס וועט מען שוין זען. אָבער זאָל מען פאָרן קיין אולמסבורג און רעדן מיט זייער הייליקן מאַן?

**האַנס פייפערליין:**

איך מיין, אַז עס איז אַרויסגעוואָרפן. וואָס האָבן מיר צו טון מיט די יידן?

**ווילהעלם פאָגעלער:**

וואָס אַרט עס דיך, האַנס? זיי, די יידן, איז דען נישט ביטער? איז זייער לעבן פיל בעסער פון אונזערס? ווען מען זאָל גוט זיך אַריינטראַכטן, איז זיי נאָך ערגער, ווי אונז. מען מעג אויסגעפינען. זאָל מען פאָרן.

**טאָמאַס גראָסמער:**

ווער זאָל פאָרן?

**עלזע:**

| מיט שפּאַס |

זאָל באַרבאַראַ פאָרן מיט היינריך רעדעלערן...

| באַרבאַראַ קוקט אָן בייז עלזען און זאָגט גאָרנישט. עס הויבט זיך אָן אַ טומל, אַ דיסקוס׳יע, עס הערן זיך אַכאַך נעמען |

**דיטריך הובער:**

הערט, איך וועל פאָרן און זאָלן מיט מיר פאָרן אויך טאָמאַס און ווילהעלם, זענט איר צופרידן?

www.libtool.com.cn

די מערסטע:

גוט. זאָלן זיי פאָרן. וואָס איז דער אונטערשיד ווער?

היינריך רעדעלער:

זאָל מען פאָרן, זאָל מען נישט פאָרן, יידן, אָן יידן —
אַבי עפּעס געטון. ברידער, עס וועט זיך שוין טון!

באַרבאַראַ:

ווי קומט שוין די צייט! ווי קומט שוין דער טאָג פון רעכנשאַפט.

דיטריך הובער:

נו, לאָמיר זיך פונאַנדערגיין, ברידער. עס ווערט שפּעט. געדענקט, מיר דאַרפן זיך היטן און זיין פאָרזיכטיק. אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע!

אסאך שטימען:

אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע

היינריך רעדעלער:

| הויבט אָן צו זינגען |

ווען אדם האָט געאַקערט דאָס פעלד...

| אַלע כאַפּן אונטער און לאָזן זיך ארויס |

| פאָרהאַנג |

# בילד פיר

פישל, יצחק, ירוחם, זלמן נאַר, אשר לעמלען, אברהם, גיטל, דיטריך הובער, ווילהעלם פאָגעלער, טאָמאַס גראָסמער, יידן, יידענעס.

| ביי אשרן אין הויז, וואָס איז אביסל רייכער און סאָלידער מעבלירט. דער וועב-שטול איז מער נישטאָ. מענטשן אריין און ארויס. איידער דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, הערט מען זינגען דאָס ליד, וואָס גיטל האָט געזונגען אשרן צום סוף פון דעם צווייטן בילד. דאָס געזאַנג ברעכט זיך שפּעטער אויך אריין — פונדרויסן. ירוחם איז ערנסט, נאָענט צו דרייסיק, אַ זיכערער, גלויביקער און אַנטשלאָסענער. אברהם דער איבערשרייבער איז געוואָרן אַ מין גבאי אשרס |

פישל:

...דאָס, וואָס דער רב האָט שבת ביים לייענען מוסר מודיע געווען, אַז מען זאָל זיך היטן פאַר ר׳ אשרן, איז גאָרנישט ווערט, קיינער האָט אויך נישט מורא פאַר זיין חרם. ער מעג זיך וואָרנען, אָבער דערווייל קומט דער עולם אַהער. איר האָט געהערט דאָס זינגען? מען זינגט אין גאַנץ איסטריע. און איר וועט זען, אַז ער אַליין דער רב בכבודו ובעצמו, וועט נאָך קומען מחילה בעטן ביי ר׳ אשרן. מען קאָן נישט אָפּשטיין פון קהל. און, אַז אַלע אין שטאָט, נישט בלויז אונזער געסל, נישט נאָר

www.libtool.com.cn

בעל-מלאכהס און קרעמער, נאָר אויך אַ סך לומדים און שיינע יידן לויפן אַהער, וועט דער מרא דאתרא זיך אויך מוזן בויגן. איר וועט נאָך זען.

**גיטל:**

איר רעדט עפּעס מאָדנע, פישל. קומען וועט טאַקע דער רב, און אַלע וועלן קומען. אָבער נישט דערפאַר, וואָס מען קאָן נישט אָפּשטיין פון כלל. אַלע וועלן קומען, ווייל אַלע וועלן דערזען דעם אמת, אַלע וועלן באַנעמען, וואָס און ווער אשר לעמלען איז.

**יצחק:**

דאָס זענען ווערטער! מיט פישלען קאָן מען דען עפּעס אָנהויבן? אַז אים ליגט נאָך אַלץ זיין מסחר אין זינען. אָט האָט ירוחם טישלער שוין לאַנג פאַרקויפט זיין וואַר-שטאַט. בחצי חינם פאַרקויפט. געקומען אַהער און געזאָגט: „ר' אשר, אָט בין איך — נעמט מיך!" דאָס אייגענע איך. אָבער פישל — ער האַלט נאָך אַלץ זיין קרעמל. ווי לאַנג וועסטו וואַרטן, פישל? ביז דו וועסט קריגן דעם גרויסן ריווח, האַ?

**פישל:**

וואָס איז דאָ מיט דיר צו רעדן? עלעהיי א...

**ירוחם:**

זאָל זיין שטיל. איצט זענען מיר אַלע איינייִנעם, און מיר האָבן נישט וואָס צו קריגן זיך. פישל איז פאָרזיכ-טיק — זאָל ער! וואָס גייט עס אונז אָן? ר' אשר האָט מיך נישט געבעטן צו פאַרקויפן מיין וואַרשטאַט. דאָס נעמלעכע דיך, יצחק. מיר האָבן דאָס אַליין געטון, און עס קומט אונז נישט קיין דאַנק דערפאַר.

**פישל:**

יעדער טוט, ווי ער פאַרשטייט... האָסטו געהערט!



| עס לויפט אַריין אַ יידענע. נאָך איר אַנדערע יידענעס, יידן. צווישן זיי אויך עטלעכע אין אויסלענדישע קליי-דער. אין זלמן נאַר |

ערשטע יידענע:

הייליקער צדיק! לאָמיך אָנקוקן אייער ליכטיק פנים! אוי אַ שמחה! אוי אַ זכיה! גאָט האָט געהערט דעם קרעכץ פון זיין פאָלק ישראל!

צווייטע יידענע:

אונזער מדינה האָט די גרויסע זכיה! אונזער ר' אשר!

ערשטער ייד:

וואָס גאָט ברוך הוא קאָן אויפטון! אָט ערשט געווען אשר דער טליתים-וועבער און איצט ר' אשר, און נאָך וואָס פאַראַ רב דערצו?

צווייטער ייד:

אַז עס איז דאָך שוין טאַקע באו מים עד נפש. און פאַרוואָס טאַקע נישט — ר' אשר? נאָר פון די געמיינע לייט דאַרף דער אויסדערוויילטער זיין.

דריטער ייד:

די געמיינע לייט זענען אָנגעלייגט ביי גאָט ברוך הוא. הע, הע...

ערשטע יידענע:

אָבער ווו איז זיין ליכטיק פנים? לאָמיר זען דעם היי-ליקן צדיק, ר' אשר, ר' אשר! באַווייזט זיך!

אַנדערע יידענעס:

ר' אשר! ר' אשר! ר' אשר!

**זלמן נאַר:**

אָ, נשים צדקניות, ערווירדיקע פרויען,

גאָט זאָל אייך בענטשן און מיר זאָלט איר טרויען,
ערן זאָלט איר ר׳ אשרן מיטן העכסטן טיטל,
נאָר פאַרגעסט אויך נישט שרייען: „אונזער גיטל!"

**גיטל:**

איר זענט שוין דאָ מיט אייערע שטיק, זלמן?

**זלמן:**

שוין, שוין. כ׳האָב ניקס געמיינט, ניקס געזאָגט.

**גיטל:**

| צו די יידענעס און יידן |

און איר, מיינע ליבע פריינט, זייט רויק. האָט געדולד און וואַרט. אַלץ וועט קומען אין דער רעכטער צייט.

**ירוחם:**

ביזן סוף פון יאָר וועט איטלעכער אויפגעריכט און אויסגעלייזט ווערן.

צווייטע יידענע:

ווי דערלעבט מען שוין דעם טאָג, גאָט גערעכטער!

דריטע יידענע:

מען זאָל נאָר האָבן כח צו וואַרטן...

ערשטער ייד:

מען וועט שוין האָבן, מען וועט שוין האָבן. | צו די איבעריקע | קומט...

| יידענעס און יידן הויבן אָן צו ארויסגיין, ווען |

אויסלענדישער ייד:

און ביי אייך, יידן, איז גאָר קיין ספק נישטאָ, אַז ר׳ אשר איז טאַקע דער אויסדערוויילטער פון הימל?

**ירוחם:**

וואָס איז שייך ספק? מיר ווייסן, חלילה, נישט ווער ר׳ אשר איז? ער איז! ער איז!



אויסלענדישער ייד:

משיח דאַרף דאָך קומען אויף גאָר אַן אַנדער אופן. ער דאַרף זיצן אין רוים, אין דער שטאָט פון אדום, פון בייזקייט און טומאה, אין קייטן געשמידט.

**יצחק:**

פון וואַנען ווייסט איר, אַז ר׳ אשר איז נישט געזי־ן אין רוים? און אויב ער איז נישט געזעסן, אפשר וועט ער נאָך זיצן...

**פישל:**

| שטילער צו זלמנען |

ווי געפעלט דיר, ווי יצחק רעדט? אַ גאַנצער ווייסער געוואָרן. טאַקע נאָר משיחס צייטן!

אויסלענדישער ייד:

...עס דאַרפן זיין גרויסע מלחמות.

**זלמן נאַר:**

נאַ, אין דעם וועט שוין קיין מניעה נישט זיין. גיטל קרוין, אויב איר וועט מיר אייער אויער באָרגן, וועל איך אייך זאָגן עפּעס, וואָס איז נאָך פאַרבאָרגן.

| גיט מיט גיטלען אין א ווינקל און רעדט מיט איר. פישל דערנענטערט זיך צו זיי וויל אונטערהערן |

**יצחק:**

| צום אויסלענדישן ייד |

אויב מען דאַרף מלחמות, וועלן זיין מלחמות אויך. עס וועט אַלץ זיין, ווי עס דאַרף צו זיין, און די ישועה וועט איינגיכן קומען.

**ירוחם:**

אפשר נאָך פריער, ווי איר אַליין האָפט, ווי מיר אַלע

www.libtool.com.cn

ווילן. גאָטס טאָג איז נאָענט, און אויף ר׳ אשרן קאָן מען זיך פאַרלאָזן.

אויסלענדישער ייד:

אַז איר אלע האָט אַזויפיל אמונה! אפשר... און הלואי! עס איז שוין צייט. הלואי, גרויסער גאָט...

| ער און אנדערע פון עולם גייען ארויס |

ירוחם:

אַזוי קומט מען כסדר. אַזוי פרעגט מען, אַזוי האָפט מען. עס קאָכט זיך אין די קהילות פון גאַנץ דייטשלאַנד. עס קאָכט שוין אויך אין אַנדערע מדינות. ברוך שהחיינו, וקימנו, והגיענו לזמן הזה!...

יצחק און גיטל:

| גיטל איז דערווייל צוריקגעקומען צום צענטער פון דער בינע, נאָכדעם ווי זלמן איז ארויס |

ברוך הוא, ברוך שמו, אמן.

| עס קומט אריין אשר אין ווייסן געקליידט, אין דער באַגלייטונג פון אברהמען |

אשר:

אויף וואָס בענטשט איר, מיינע פריינט?

ירוחם:

וואָס הייסט אויף וואָס? טאַקע דערויף, וואָס מיר האָבן דערלעבט, וואָס איר זענט דאָ, און מיר זענען מיט אייך.

גיטל:

איך האָב פאַר דיר, מיין מאַן, אַ גאָר גוטע בשורה.

אשר:

אַ שטייגער?



גיטל:

דער רב, ר׳ גד וועט שוין דיך אין חרם נישט לייגן. אדרבא, ער זאָגט שוין אַצינד, אַז לויט זיינע אייגענע חשבונות דאַרפן משיחס צייטן זיין זייער נאָענט, און אַז עס גלויבט זיך נישט אויף דיר, אַז דו זאָלסט וועלן פאַרפירן יידן.

אשר:

איז געלויבט השם יתברך. איך האָב טאַקע גערעדט וועגן דעם מיט אברהמען, גרויס צער געהאַט. סטייטש, דער רב איז אַנטקעגן מיר? פאַרוואָס? ווי שיקט זיך?

אברהם:

און וואָס האָב איך דערויף געענטפערט? אַז עס מוז אַזוי זיין. מען האָט דאָך צו טון מיט מענטשן, און מענטשן נעמען נישט אָן אַזוי לייכט. מענטשן זענען שטענדיק גיכער גרייט אויף ניין, ווי אויף יאָ. הלמאי האָב איך זיך תחילת שטאַרק געקווענקלט? ווידער דאָס אייגענע — מען בעט אַזוי לאַנג אויפן נס, אַז ווען ער קומט, גלויבט מען נישט די אייגענע אויגן.

אשר:

גלויבן... גלויבן... אַלץ איז גלויבן. גלויבן איז כח. וואַקלט זיך נאָר אַביסל די אמונה, צערינען די כוחות ווי וואַסער. אַ מענטש, וואָס תמימותדיקער זיין האַרץ, אַלץ העלער, ריינער ברענט אין אים דאָס ליכט פון אמונה. דער געמיינער מענטש לעבט נאָר מיט גלויבן און בטחון, וואָרום זיין האַרץ בענקט מיט אַ גרויס בענקעניש נאָך יושר. זיין אויג זעט דאָך רק שלעכטס און פאַלשקייט... | פויזע | ווען איך זאָל זיין אַ רב, איינער פון די פני, אַפילו גלאַט אַ גביר, וואָלט עס זיי בעסער געלייגט זיך אויפן שכל. אי יחסנים אויף דער ערד, אי די בכורה אין

הימל... נאָר אשר דער טליתים-וועבער... ווער איז אשר? אָבער זאָגן זאָג איך אייך: דער געמיינער מאַן איז ווי אַ בן-יחיד בײַ גאָט. דער געמיינער מאַן האָט ווינציק, גאָר ווינציק, זיין האַרץ איז גאַנץ, און קאָן זיין פול מיט אמונה. | פויזע — פלוצלינג צו די ארומיקע | אָבער איר גלויבט אין מיר? מיט פולער אמונה, מיט ריינקייט און שלימות?

**ירוחם:**

וואָס הייסט? איר זעט דען, חלילה, אַליין נישט, ר' אשר?

**יצחק:**

און אַז איר זאָלט מיר איצט הייסן שפרינגען אין פייער, לויפן אין וואַסער – וועל איך נישט שפרינגען און לויפן?

| הויבט אָן מיט עקזאלטאציע צו זינגען: „לויבט דעם אויס-דערוויילטן, אָנגעבעטענעם". ירוחם און אברהם גרייט אונ-טערצוכאפן |

**אשר:**

| שטעלט אָפּ דאָס געזאנג מיט א מאך פון האנט צו גיטלען |

פון וואַנען האָסטו עס געהערט, גיטל, כ'מיין מכּה דעם רבס...

**גיטל:**

פון זלמן נאַר.

**ירוחם:**

נו, זלמן ווייסט אַלץ און אַקוראַט.

**יצחק:**

אַ שאלה דאָס איז! ער איז דאָך אויסגעבונדן מיט אַלע-מען, אַפילו מיט די גוים...

**גיטל:**

זלמן האָט מיר נאָך עפּעס דערציילט, טאַקע וועגן גוים.



**פישל:**

וועגן גוים? וואָס?

**גיטל**

| וויל עפּעס זאָגן, נאָר עס לויפט אָן אן אויפגערעגטער זלמן אליין |

**זלמן:**

| וויל צולויפן צו אשרן, נאָר ער האָט נישט קיין מוט. ווענדט ער זיך צו גיטלען |

ר' אשרס רום גייט ווייט און ברייט,
זיין נאָמען גרויס און הייליק.
אויך קריסטן זענען אָנגעברייט
דורך אים צו קריגן זייער חלק
אויף ערד און אין דעם הימל-רייך,
זיי ווילן רעדן איצט מיט אייך.

**גיטל:**

| אומגעדולדיק |

רעדט ווי אַ מענטש. וואָס מיינט איר?

**זלמן:**

אָן ריימען זאָל איך שפּרעכן?
כ'וועל מיר די צונג צעברעכן.

| זעט דעם כּעס פון אלעמען |

נו, גוט. פּשוט. אינדרויסן שטייען דריי קריסטן. אַ גייסט-לעכער און צוויי דאָרפס-לייט. זיי ווילן זען ר' אשרן. ווייז אונז, זאָגן זיי, וווּ וווינט דער הייליקער מאַן, ראַבי אשר לעמלען.

**פישל:**

וואָס, גויים ווילן זען ר' אשרן? דאָס איז נישט גוט.

www.libtool.com.cn

**זלמן:**

אויב איר פאָרכט אייך, אַז איר וועט נישט קאָנען רעדן אין דייטשער שפּראַך, וועל איך זיין דאָלמעטשער.

**גיטל:**

מען וועט זיך שוין אַן עצה געבן אָן אייך. | צו אשר | וואָס זאָל מען זאָגן די קריסטן?

**אשר:**

| קענטיק איבעראַשט, אָבער זאָגט זיכער |

זאָלן זיי אַריינקומען, רופט זיי אַריין, זלמן.

| זלמן גייט אַרויס און קומט באַלד צוריק מיט דיטריך הובערן, גראָסמערן און פאָגעלערן |

**זלמן:**

האַבט די ערע אייך דריי הערן פאָרצושטעלן.
מעגן זיי שפּרעכן, ווי זיי וועט געפעלן.
| צו די קריסטן |
איר זעלבער זאָלט דיסקוסירן מיט אינען.
איך בין צו קליין, איך זאָל זיך מישן דרינען.

| גיטל וואַרפט אויף אים אַ בעסדיקן בליק, און ער פאַרקלויבט זיך אין אַ ווינקל |

**דיטריך הובער:**

גאָט העלף אייך, ווירדיקער ראַבי און איר אַלע, גוטע מענטשן. שרעקט אייך נישט. אַ קריסטלעכער גייסטלעכער קומט נישט יעדעס מאָל אין אַ יידנס הויז מיט בייזע פאַרלאַנגען אונטער זיין לאַנגן מאַנטל.

**אשר:**

גאָט העלף אייך, פּריסטער. מענטשן קאָנען זיין גוטע און שלעכטע, קיין חילוק, וואָס זייער גלויבן איז. וואָס האָב איך צו פאַרדאַנקען אייער באַזוך?



**דיטריך הובער:**

מיר זענען געקומען מיט אַ וויכטיקער אָנגעלעגנהייט. | קוקט זיך אַרום | זענען די אַלע מענטשן פריינט?

**אשר:**

אַלע פריינט, און זיי מעגן הערן אַלץ, וואָס איר האָט מיר צו זאָגן.

**דיטריך הובער:**

| צו ווילהעלם פאָגעלערן און טאָמאַס גראָסמערן |

קאָנען מיר גלייך צוטרעטן, ווי?

**ווילהעלם פאָגעלער** און **טאָמאַס גראָסמער:**

נו, געוויס.

**דיטריך הובער:**

איר האָט געוויס געהערט — עס טראָגט זיך איבערן גאַנצן רייך, — אַז דער פויער אויפן לאַנד און דער האַנטווערקער אין דער שטאָט פאָדערן איצט אומעטום זייער רעכט, ווי עס שטייט אין אַלטן טעסטאַמענט: „די ערד איז גאָטס און זיינס די פולקייט, וואָס אין איר". נישט וואָר?

**אשר:**

| שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ |

**דיטריך הובער:**

דאָס געמיינע פאָלק שרייט איצט צום הימל, ווי די יידן אַמאָל אין דעם לאַנד עגיפּטן, און גאָט ענטפערט אויך איצט, ווי ער האָט געענטפערט זיין פאָלק ישראל. צו אַ־סאַך ערלעכע קריסטן האָבן זיך באַוויזן צייכנס, אַז די צייט איז געקומען, ווען אמת און גערעכטיקייט זאָלן אָנהויבן הערשן אין דעם לאַנד. זאָג איך ריכטיק?

**ווילהעלם און טאָמאַס:**

ריכטיק. שטימט.

**דיטריך הובער:**

האָבן מיר געהערט, אַז אויך ביי אייך, יידן, האָבן זיך באַוויזן אַזוינע צייכנס, און, אַז איר, ווירדיקער ראַבי, זענט — ווי זאָל איך דאָס זאָגן ?...

**ווילהעלם פאָגעלער:**

דערוויילט געוואָרן, ווי גאָטס געשיקטער אָנצוקינדיקן די נייע גוטע צייט פאַר דעם געמיינעם מאַן.

**דיטריך הובער:**

יאָ, איז דאָס ריכטיק, הער ראַבי ?

**אשר:**

גאָטס וועגן זענען פאַרהוילן. ער דערהויבט די נידעריקע און מאַכט גרויס די קליינע. ווען די באַשטימטע צייט וועט קומען, וועט די גאַנצע וועלט וויסן און זען.

**דיטריך הובער:**

נו, געוויס, דאָס מיינען מיר טאַקע. מיר זענען נישט געקומען צוליב נייגיריקייט, הער ראַבי. יידן זענען אַ מערקווירדיק פאָלק. גאָט קלויבט זיי אָפּט אויס צו פאַר-קינדיקן זיין הייליקן ווילן. קורץ און בינדיק: אויב גאָטס וואָרט איז צו אייך ווידער געקומען...

| אשר קוקט מיט פראַגע און אָנגעשטרענגטער דערוואַרטונג |

**דיטריך הובער:**

וועלן מיר נאָך פעסטער זיין אין אונזער גלויבן, נאָך זי-כערער זיין אין אונזער זיג. און מעגלעך...

**אשר:**

וואָס ?

**דיטריך הובער:**

מעגלעך, מיר וועלן זיך דאַן פאַראייניקן.



| ווילהעלם פאָגעלער און טאָמאַס גראָסמער שאָקלען צו די קעפּ אין צושטימונג. אשר אַביסל צעטומלט זינקט אַריין אין אַ שטיל פאַרטראַכט. אַלע צערודערט, דער ערשטער געפינט לשון | —

**פישל:**

יידן און קריסטן זאָלן זיין פאַראייניקט אַנטקעגן די שטאַר-קע און מעכטיקע ? פון דעם קאָן יעדערער געווינען. נישט דער ייד !

**ווילהעלם:**

פאַרוואָס נישט ?

**פישל:**

ווייל איר זענט אייגענע. מיר זענען פרעמדע דאָ.

**ווילהעלם פאָגעלער:**

און אַז מיר זענען אייגענע, דריקט מען נישט פון אונז דאָס לעבן אַרויס ?

**ירוחם:**

הערסט, דאָס האָב איך דאָך נישט איינמאָל געטראַכט !

**טאָמאַס גראָסמער:**

פיין געזאָגט, ווילהעלם.

**אברהם:**

נאָך וואָס דאַרפט איר אונז, יידן, אין אייערע מחלוקות מיט די פּריצים, מיטן מלכות ?

**דיטריך הובער:**

מיר דאַרפן אַלע, וואָס זענען אָנגעגאַרטלט מיט גלויבן. מיר ווילן, אַז אייער הייליקער מאַן, וואָס זעט זעונגען און זאָגט אָן אַ גליקלעכע צייט פאַרן געמיינעם פאָלק, זאָל אויך אונז העלפן. | צו זיינע באַגלייטער | ווי ?

**ווילהעלם פאָגעלער:**

אַלע אונטערדריקטע, יידן און קריסטן, זאָלן ווערן פריי און לעבן צופרידן.

**טאָמאַס גראָסמער:**

ווער עס ליידט, איז אונזער ברודער, יאָ.

**פישל:**

מיר, יידן, וועלן אַוועקפאָרן קיין ארץ-ישראל, אין אונזער אייגן לאַנד.

**ירוחם:**

אָבער איידער...

**דיטריך הובער:**

ערלויבט, וואָס זאָגט הער אשר, וואָס דענקט דער געערטער ראַבי וועגן אונזער אָנטראָג?

**אשר:**

| קאָן קוים געפינען די ווערטער |

גאָטס ווילן אין אַלץ. ווי איך האָב מיט אַ טאָג פריער נישט געוווּסט, אַז זיין רוף וועט זיין געווענדט צו מיר, האָב איך היינט נישט געקאָנט קלערן, אַז אויך פרעמדע וועלן קומען צו מיר און בעטן מיין הילף. אָבער דאָס איז גאָטס ווילן, און איך בין גרייט. | באַגייסטערט זיך אליין אלץ מער | איך בין געווען דער קלענסטער פון מיין פאָלק, דער ווינציקסטער אין דער שטאָט און זיך געהאַלטן ווי דער נידעריקסטער. נאָר האָט גאָט נישט דערהויבן שאולן פון אַ דאָרפסמאַן צו זיין דער אויסלייזער פון זיין פאָלק? איז דער קעניג דוד פריער נישט געווען אַ פאַסטוך און דער מינדסטער פון זיין שטאָט? ביי גאָט איז דער מינדסטער — דער גרעסטער!

**דיטריך הובער:**

וואָרע ווערטער. געטלעכע ווערטער.



www.libtool.com.cn

**אשר:**

| הערט נישט |

דאָס געמיינע פאָלק ליידט, איז קראַנק און שלאָף פון נויט און יאָך. גיב אונז אַ היילער! — בעטן די קראַנקע; שיק די רפואה! — רופן די שלאַפע. האָט דען גאָט אַזאַ וועלט באַשאַפן? איז דען זיין כונה: שטאַרקע — שוואַכע, זאַטע — הונגעריקע, באַשאָנקענע — באַליידיקטע? און דאָס איז דאָס יאָר פון היילונג, פאַרוואָר! און איך, דער שלאָפער פון צווישן שלאַפע, האָב פאַרנומען און דערשפירט גאָטס האַנט אויף מיין קאָפּ. גייט, הער פריסטער, גייט, און זאָגט אָן די בשורה, אַז אשר לעמלען איז געקומען צו העלפן דעם געמיינעם מאַן, דעם ליידנדיקן אָבער נישט פאַרגעסענעם. גאָט פאַרגעסט נישט. גאָט זאַמלט, זאַמלט, ביז עס קומט דער טאָג. און דער טאָג, פאַרוואָר, ער איז נאָענט. און עס וועט זיין דער טאָג פאַר אַלע פעלקער. גערעכטיקייט און אמת זענען פאַר אַלע געטראָטענע. גייט, גרייט זיך, און וואַרט אויף מיין וואָרט.

**דיטריך הובער:**

| דורכגענומען |

אַ גרויסן דאַנק אייך, געטלעכער מאַן. די יידן זענען אַ מערקווירדיק פאָלק... | צו זיינע באַגלייטער | קאָנען מיר איצט גיין?

**ווילהעלם פאָגעלער און טאָמאַס גראָסמער:**

מיר קאָנען גיין.

**דיטריך הובער:**

זאָל גאָטס נאָמען זיין געפרייזט. צום ווידערזען, גרויסער ראַבי. צום ווידערזען, גוטע מענטשן. מיר זענען היינט אַלע גלייך.

www.libtool.com.cn

**אשר:**

גייט אין גאָטס נאָמען.

| די קריסטן אָפּ. אשר און גיטל אין פארשפּורטער איפּ-רעגונג. די מערסטע דורכגענומען |

**פישל:**

מען דאַרף איצט גיין: אַ מאָדנע געשיכטע. עפּעס געפעלט עס מיר נישט. לאָמיר גיין.

**ירוחם:**

עס וועט דיר שוין געפעלן. וואַרט, וואַרט. אַ קלייניקייט, משיחס צייטן!

**יצחק:**

וואָס האָב איך געזאָגט – אַז עס דאַרפן זיין מלחמות, וועלן זיי זיין...

| יצחק, ירוחם, פישל אָפּ. פישל שלעפּט מיט זלמנען. אברהם וויל בלייבן, גיט א קוק אויף גיטלען, פארשטייט און גייט ארויס. גיטל גייט צו צום מאַן |

**גיטל:**

אשר, דו זעסט, וואָס איז געוואָרן פון טליתים-וועבער!

**אשר:**

גלויבן איז כוח. אמונה מאַכט שטארק...

| פ אָ ר ה א נ ג |



# ב י ל ד פ י נ ף

זלמן נאַר, אשר, גיטל, ירוחם, פישל, אברהם, יצחק, יידן, האַנטווערקער, געזעלן, יידענעס

| מיט א צוויי וואָכן שפּעטער. אשר איז אליין. גייט ארום איבערן שטוב, ברומט אונטער א ניגון. פאלט אריין אין דער מעלאָדיע פון גיטלס ליד. האקט זיך אָפּ. הייבט אָן עפּעס אנדערש צו ברומען. גייט צום ביכער-שאַנק. נעמט ארויס א ספר, לייענט אביסל אין זיך. שטעלט זיך אָפּ. פארטון אין חשבונען עפּעס. עס קומט אריין | —

**זלמן נאַר:**

אָ, איר, ר׳ אשר, גאַנץ אַליין?
ווער וואָלט געקאָנט עס קלערן?
נון, וועל איך אייך נישט שטערן,
איך וועל מיר גלייך פון דאַנען גיין.

**אשר:**

ניין, זלמן, בלייבט, איך קאָן טאַקע איצט זעלטן זיין איינער אַליין מיט מיינע מחשבות. רק מענטשן אַרום. גראָד האָט זיך געמאַכט, אַז אַלע זענען אַוועק. אָבער איר פאַרבלייבט, כ׳בעט אייך.

www.libtool.com.cn

**זלמן:**

יאָ, יאָ, אַמאָל פלעגט אַנדערש זיין,
איך פלעג פאַר אייך קיין פאָרכט נישט האָבן.
נאָר איצט... אַרום אייער נאָמען שטראַלט אַ שיין.
איך וויל זיך אין דער ערד באַגראָבן.

**אשר:**

איך בעט אייך, זלמן, הערט אויף מיט מיר צו רעדן אין אָט־די גראַמען. עס קלינגט מיר ווי לצנות אָדער גאָר ווי אַ רעטעניש, און איך האָב עס נישט ליב. איך פאַרטראָג נישט קיין שום לצנות.

**זלמן:**

נו, שפּאַס שאַדט דאָך קיינמאָל נישט, ר׳ אשר, עס ווערט לייכטער אויפן געמיט, ווי וואָלטן מיר, יידן, אויסגעזען אָן אַביסל לצנות?

**אשר:**

אפשר טאַקע, אָבער איר פאַרשטייט, נישט איצט. נישט איצט.

**זלמן:**

פאַרקערט, ר׳ אשר, קאַטאָוועס איז דאָס קינד פון פריי־לעכקייט, און איר דאַרפט איצט זיין פריילעך, מיר אַלע דאַרפן זיין פריילעך.

**אשר:**

יאָ, יאָ, | פויזע. פאַרטראַכט זיך. דאַן ראַפּט זיך | הערט, זלמן, איר גלויבט אין מיר?

**זלמן:**

אַלע גלויבן דאָך, ווער בין איך, אַז איך זאָל נישט גלויבן?

**אשר:**

אָבער עפּעס זע איך, אַז איר זענט קאַלט.



**זלמן:**

אַזויפיל היץ אַרום אייך, ר׳ אשר, אַז עס מאַכט נישט אויס פון מיין זייט אַביסל קאַלטקייט. זאָל זלמן נאַר אָנהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט פון דער וועלט...

**אשר:**

גלייכגעוויכט האַלט זיך אויף גלויבן.

**זלמן:**

און גלויבן האַלט זיך אויפן ווילן צו גלויבן.

**אשר:**

טאַקע אַזוי, זלמן. און איר האָט נישט דעם ווילן צו גלויבן?

**זלמן:**

פאַרוואָס נישט? צרות זענען די טאַטע־מאַמע פון ווילן, און איך האָב גענוג צרות.

**אשר:**

אָבער דעם אמת, זלמן, אייער אמונה אין מיר איז נישט זייער שטאַרק. האַ? ס׳מאַכט נישט... ס׳מאַכט נישט... אָבער דעם אמת?

**זלמן:**

נו, ר׳ אשר, אַלע קאָנען דאָך נישט זיין, ווי גיטל און יצחק.

**אשר:**

זענט איר, ווי פישל?

**זלמן:**

איך בין, ווי זלמן נאַר. אַ לוסטיקער, פריילעכער ייד, וואָס טאַנצט און שפּרינגט און זינגט אַ ליד.

www.libtool.com.cn

**אשר:**

אָ, זלמן, איר... | עס הערן זיך טריט פון מענטשן. אשר איז, קענטיק, נישט צופרידן מיטן איבעררייס, גייט אריין אין אן אנדער צימער, זאָגנדיק |: זלמן נאַר גלויבט נישט אין מיר. וויפל חכמה פון נאַראָנים איך וועל נאָך דאַרפן גובר זיין...

| עס קומען אַריין גיטל און ירוחם |

**גיטל:**

| צו זלמנען |

איר זענט איצט אויך דאָ? ווי דען? אָן אייך קאָן מען זיך דען באַגיין?

**זלמן:**

וואָסי? איך האָב גערעדט מיט אייער הייליקן מאַן. פאַרוואָס זאָל איך אויך נישט האָבן די זכיה?

**גיטל:**

וועגן וואָס האָט איר גערעדט?

**זלמן:**

אָ, גלאַט אַזוי. וועגן די גרויסע געשעענישן, וואָס דאַרפן פאָרקומען. וועגן וואָס דען זאָל מען איצט רעדן? און אַצינד קאָן איך שוין ־גיין. אַז איך ווייס, וואָס ר' אשר ווייס נאָך נישט, ווייס איך שוין, און אַז איך וועל וויסן דאָס, וואָס איר ווייסט — ווייסט איר אויך. אמת? טאָ אַ גוטן טאָג.

**גיטל:**

אַ גוטן טאָג. אויף אייך קאָן מען זיך שוין פאַרלאָזן...

| זלמן אָפּ |

**גיטל:**

| צו ירוחמ׳ען |

אומעטום איז ער דאָ, און אַלץ ווייס ער, נו, מילא. איז וואָס איז אייער דעה, ירוחם?



**ירוחם:**

מיין דעה? ווי קאָן מען דאָ וויסן? אַז אַלץ גייט צו אַזוי געשווינד. ר' אשר הייסט זיך גרייטן, תפילה טון, פאַסטן תעניתים. ביזן סוף פון יאָר, זאָגט ער, דאַרף מען נאָר וואַרטן, און דאָ— אַלץ יאָגט דיך אַריבער. מען קאָן נישט נאָכלויפן די געשעענישן.

**גיטל:**

יאָ, די מעשה מיט די גויים איז נישט קיין קלייניקייט.

**ירוחם:**

און נאָר מיט די גויים? אונזערע האָבן דען יאָ צייט? איר זעט דאָך, ווי עס זענען אָנגעפאָרן אַהער מחנות יידן פון אַנדערע שטעט און אַפילו פון אַנדערע מלוכות. און אַלע שרייען, און אַלע ווילן גלייך דעם נס. טו פאַר אונז! באַווייז אונז! | א געטומל פון דרויסן. ירוחם גייט צו צום פענסטער | אָט איר זעט: אַ גאַנצער עולם גייט אַהער. וואָס ווילן זיי?

| עס קומען אַריין יידן און יידענעם. צווישן זיי יצחק, פישל, אברהם |

**ערשטער ייד:**

ווו איז ר' אשר?

**אברהם:**

וואָס דאַרפט איר ר' אשרן?

**ערשטער ייד:**

זאָל ער אונז זאָגן, וואָס צו טון. עס איז אַ צייט פון טון!

**גיטל:**

וואָס מיינט איר? וועגן וואָס פאַר אַ טון רעדט איר, מיינע פריינט?

www.libtool.com.cn

צווייטער ייד:

ס׳גאַיעס*) האָט זיך אַ נעם געטון, געוואָרפן אומעטום ווער די פעלדער, ווער די וואַרשטאַטן. מען איז מורד אַנטקעגן די האַרן, די פריצים, אַנטקעגן גאַנצן מלכות, און דער־ווייל שלאָגט מען יידן מכּת רצח. די פריצים זאָגן די יידן זענען שולדיק. דער משומד, ימח שמו, האָט געהערט וועגן ר׳ אשרן און האָט געמסרט. אשר דאַרף נישט שווייגן. אַזוי מיינען מיר.

אסאך שטימען:

אַוודאי. מען דאַרף נישט שווייגן. עפּעס אַ נס! אַנישט וועלן מיר, חלילה, אומקומען.

**אברהם:**

ר׳ אשר האָט געהייסן וואַרטן. דערווייל דאַרף מען גרייטן זיך.

ערשטער ייד:

וואָס הייסט וואַרטן, אַז...

ערשטע יידענע:

און אַז מען וועט אונז אַלע אויסקוילענען, וועט זיין בעסער?

צווייטע יידענע:

מיין ברוכן האָט מען שוין פאַרשלעפּט אין תּפיסה. ער האָט אַ זאָג געטון, אַז באַלד וועט מען זיך מיט זיי אָפּרעכענען, נו, האָט מען אים איינגעזעצט, ווי אַ מורד. אוי וויי איז מיר! וואָס שווייגט דער הייליקער צדיק?

**פישל:**

אַז איך האָב געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך מיט די גויים נישט אָנהויבן. וואָס האָבן מיר מיט זיי צו טון?

---

*) די גויים.



יונגער ייד:

און איך זאָג, אַז די גויים זענען דווקא גערעכט. זיי האָבן זיך גענוג אָנגעליטן. עס קומט אַ צייט פאַר נקמה אויך. אלא וואָס דען? מיר דאַרפן וויסן ווו מיר האַלטן. כ׳מיין מיר, אחינו בני ישראל.

א קצב־יונג:

ביי וועמען קאָן זיין אַ שאלה, מיט וועמען מיר האַלטן? מיר דאַרפן זיין מיט די, וואָס זענען די שונאים פון אונזערע שונאים, טאַקע מיטן גאַיעס, וואָס שטייט אויף אַנטקעגן די שררות, די מאַגנאַטן און די גלחים. מיטן געמיינעם פאָלק וועלן מיר האַלטן.

**פישל:**

| סארקאסטיש |

אַוודאי! דאָס געמיינע פאָלק האָט דאָך אונז ליב אהבת נפש. זיי קושן זיך נאָר מיט אונז...

קצב־יונג:

עס איז אַלץ בעסער, ווי די גרויסע לייט, די ריטער און אַלע האַרן, האָב זיי איין שוואַרץ יאָר! ווען נישט די הינטישע גלחים, וואָס העצן און רייצן, וואָלטן די גויים געווען צו דערליידן. איך לעב בשלום מיט אַסאַך גוישע בעל־מלאכהס. און אַז זיי וועלן זיך גיין שלאָגן — וועל איך שטיין און ציילן וויפל פייגעלעך עס פליען צו דער חתונה? שיין וועל איך אויסזען! און נישט נאָר איך אַליין. דאָס נעמלעכע אַלע פּועלים. וועט זיין אַ געשלעג, זענען מיר אויך נישט קיין מלופן־קינדער. מיר קענען דערלאַנגען!

שניידער־געזעל:

און נאָך ווי! מיר האָבן שוין נישט איין ביסל לאַנדס־קנעכט באַגאָסן מיט דער רויטער יויך.

www.libtool.com.cn

קצבּ-יונגן:

איר הערט ווערטער? טאַקע אַזוי! די גויים האָבּן קאָסעס און גראַבּליעס — האָבּן מיר העק, מעסערס און שטעכערס!

**פישל:**

ער מיינט, אַז אַלע זענען קצבים.

**יצחק:**

על-כל-פּנים האָבּן קצבים נישט אַזוי מורא פאַר זייער פעל, ווי סוחרים.

שוסטער-געזעל:

און שוסטערס האָבּן אויך נישט קיין מורא. מיר האָבּן האַמערס און אָלן. שלאָגן זיך, איז שלאָגן זיך!

טישלער-געזעל:

און טישלערס האָבּן זעגן און שטאַם-אייזנס.

שניידער-געזעל:

און אַז מען גיט אַזאַ קיצל מיט אַן אמתער שער אין זייט, קאָן מען אויך דערזען קראָקע.

שוסטער-געזעל:

מען פאַרשפּאָרט שוין ודוי צו זאָגן...

**פישל:**

נו, גוט, גייט אַרויס אַנטקעגן די שררות און זייערע זעלנער. מען וועט אונז אַלע אויסקוילן.

צווייטע יידענע:

אוי וויי מיר נישט געשען! אוי וויי מיר נישט געשען! וואָס וועט זיין מיט מיין בּרוכן?

ערשטע יידענע:

אוי אַן אומגליק אויף אונזער קאָפּ, אוי אַ שוואַרצער בּראָך!



| ווייבּער הויבּן אָן צו קלאָגן. גיטל און ירוחם שטייען בּיידע פאַרטראַכט, זוכן אַן אויסוועג. אין מיר בּאַווייזט זיך אשר |

**אשר:**

וואָס איז געשען? וואָס איז דאָס פאַר אַ געוויין?

**גיטל:**

אויפן לאַנד איז אַ מרידה, אשר. ס'גאַיעס איז אויפגע-שטאַנען אַנטקעגן די האַרן. אין שטאָט איז אויך נישט רויק. די לאַנדסקנעכט שלאָגן יידן. איר מאַן | ווייזט אָן אויף דער יידענע | זיצט שוין אין תּפיסה ווי אַ מורד, ווייל ער האָט געזאָגט, אַז בּאַלד וועט מען זיך אָפּרעכענען מיט אַלע רשעים.

**אשר:**

ווער האָט אים געהייסן זאָגן? איך האָבּ געהייסן וואַרטן. איך האָבּ געהייסן לייטערן און גרייטן זיך.

צווייטע יידענע:

מען איז דאָך בּישט מער ווי אַ מענטש. מען האָט אים געשלאָגן, מיין בּרוכן, האָט ער די צונג נישט געקאָנט איינהאַלטן.

דריטע יידענע:

און פאַרוואָס נישט? אַז מען שמועסט, די גויים גלויבּן אויך אין ר' אשרן.

נאָך אַ ייד:

און עס זענען דאָך עפּעס משיחס צייטן אויך! מעג אַ ייד שוין נישט זיין אַזאַ נכנע, נישט אַזוי ציטערן.

| אונטער-שטיצנדיק געמורמל פון אַסאַך שטימען |

**אשר:**

איר ווילט דוחק זיין דעם קץ? אים שלעפּן פאַר דער צייט? מיך דאַרפט איר פאָלגן! טון ווי איך הייס, און וואַרטן.

יידן און יידענעס:

ווי נעמט מען כּוח צו וואַרטן? וויפל איז דער שיעור צו וואַרטן?

**אברהם:**

וואַרטן הייסט דער, וואָס האָט געהערט גאָטס רוף, און איר טאָרט נישט זאָגן אַ וואָרט אַנטקעגן. ר׳ אשר האָט געזאָגט, אַז ביים סוף פון יאָר וועט אַלץ זיין באַוווּסט, וועט קומען דער געגאַרטער טאָג. ביז דעמאָלט באַדאַרפט איר גלויבן, זיין שטיל און זיך פאַרטיק מאַכן פאַרן גרויסן ווונדער.

ערשטער ייד:

אַז מען שלאָגט דאָך יידן אויף די וועגן. מען וועט אונז אַלע, חלילה וחס, אומברענגען.

צווייטער ייד:

העלפט, הייליקער, געבענטשטער!

נאָך אַ שטים:

לייזט אונז אויס פון גלות!

אַ צווייטע שטים:

פירט אונז קיין ארץ-ישראל!

אַ דריטע שטים:

איר האָט צוגעזאָגט די גויים צו העלפן — העלפט אונז פריער!

אַ פערטע שטים:

די גויים קאָנען זיך העלפן אַליין. ראַטעוועט אונז, ראַטעוועט דאָס פאָלק ישראל!

| געמורמל. געשרייען. אשר שטייט געקרענקט. רעדט ארויס ביטער |



www.libtool.com.cn

**אשר:**

איטלעכער נאָר פאַר זיך... איטלעכער וויל אַן אייגענע ישועה, אַן אייגן ווונדער.

**ירוחם:**

! רעדט, ווי דאָס וואָרט וואָלט זיך געמאַטערט דורכצוברעכן דעם טומאַן געפילן און געדאַנקען |

וואָס הייסט, אייגנטלעך, ווונדער? איז דאָס אויפשטיין פון דעם געמיינעם פאָלק אַנטקעגן די האַרן נישט קיין ווונדער, נישט קיין נס פון משיחס צייטן? הונדערטער יאָרן געווען ווי אָקסן אין יאָך, און מיטאַמאָל — מיר ווילן נישט מער! און ווען הירשל דאָ | ווייזט אויפן יונגן קצב | זאָגט, אַז ער וועט צושטיין צום געמיינעם פאָלק און זיך שלאָגן אַנטקעגן דעם האַר און זיינע געדונגענע זעלנער, און דאָס נעמלעכע דער שוסטער, און דער שניידער, און דער טישלער — איז דאָס נישט קיין ווונדער? וואָס פאַראַ גרעסער ווונדער דאַרף מען נאָך?

**אשר:**

איר, ירוחם, ווילט אויך מיט גוואַלט אַראָפּשלעפּן דעם קץ?

**ירוחם:**

חלילה. ר׳ אשר. איך פרעג נאָר. איך מיין עס אַנטקעגן דעם וואַרטן. אַז עס איז אַ געשלעג און מען שלאָגט שוין יידן, קאָנען מיר דען זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און זיך לאָזן אויסקוילענען?

יונגער ייד:

ווער שמועסט אַמאָל — איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן. נאָר אַפילו איצט אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל האָבן נישט אַלע יידן אויסגעשטעלט די העלזער צום מעסער פון רוצח. דאָס נעמלעכע אין רוים און אין אַנדערע מקומות. מען

www.libtool.com.cn

האָט זיך אַקעגנגעשטעלט. טאַקע ערשט דאָ נישט לאַנג צוריק — האָבן משולחים דערציילט.

אסאך יונגע שטימען:

טאַקע מיט אַן אמת. מיר האָבן אַליין געהערט.

| אשר ווערט אלץ טרויעריקער. רעדט א־ויס פינסטע־ אין פעסט |

אשר:

אַזוי האָט מען די גאולה נישט געלאָזט קומען. נישטאָ גענוג אמונה. נישטאָ גענוג עניוות — אַז מען זאָל פאַרגעסן אָן זיך אַליין און אָן די אייגענע סכנות און צרות. אַלעמאָל שפּרינגט עמעצער אַ־ויס, וויל כאַפּן פאַר דער צייט. די וויל פאַר איר ברוכן, און די פאַר זרחן. ביי דעם איז דאָס ווייב שלאַף, און ביי יענעם גייט נישט גוט אין פּרנסה — האָבן זיי נישט קיין צייט צו וואַרטן. און איך זאָג אייך: ביז יעדערער וועט נישט פאַרגעסן אָן זיך, ביז יעדערער וועט נישט מקבל באהבה זיין איטלעכע קליינע צרה, וואָס באַפאַלט אים, וועט די גאולה בלייבן אין קייטן געשמידט, וועט זי זיך שעמען איר פּנים צו ווייזן!

י־וחם:

אָבער אַז דער חלף ליגט שוין היינט אויפן האַלז, און די סכנה קוקט שוין איצט אין די אויגן אַריין — וואָס זאָל מען טון? אַ מרידה איבער דער מדינה, און יידן דאַרפן אויסקלויבן, אויף וועמענס צד זיי זאָלן זיין — וואָס זאָל מען טון? און דער צד, וואָס האָט מורד געווען, איז גערעכט, כולו גערעכט, און אָט־דער צד איז געקומען צו אייך בעטן הילף און איר האָט צוגעזאָגט — וואָס זאָל מען טון? וואָס זאָל מען טון, ר׳ אשר, אַז דער היינט וויל נישט וואַרטן אויפן מאָרגן, און היינט האָט זיך



פאַרלאָפן עפּעס אַזוינס, וואָס מען קאָן שוין נישט כאַפּן צוריק? און דער צווייטער צד, דער גערעכטער און אויפגעשטאַנענער, וועט ער דען שווייגן אונז? צווישן צוויי מילשטיינער קאָנען מיר איצט זיין, און...

אשר:

איר ווילט פּרוּוון גאָט, ירוחם?

י־וחם:

איך ווייס נישט, ר׳ אשר. מיר פאַרלאָזן זיך אויף אייך, נאָר איך טראַכט: אפשר טוט איצט גאָט פּרוּוון אונז?

אשר:

וואָס מיינט איר?

גיטל:

| וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אַ געפּלעפּטע און צום סוף אָנגעהויבן צו אָנען אַן אויסוועג |

אפשר וויל גאָט, אשר, אַז דו זאָלסט...

אשר:

גאָט האָט צו מיר געשיקט זיין רוף. אויף זיינע סימנים וואַרט איך, און אים אַליין וועל איך פאָלגן.

ירוחם:

אפשר וויל גאָט זען, צי מיר זענען ראוי צו ווערן פריי, צי מיר קאָנען אַראָפּוואַרפן פון זיך די חרפּה און די הכנעה פון גלות און טון, ווי יידן האָבן אַמאָל געטון... אפשר איז אָט־דאָס דאָס ווונדער, אַז יידן זאָלן פון זיך אַראָפּוואַרפן די מורא?

יצחק:

| וואָס פאַרשטייט נישט גענוי, וועגן וואָס מען אמפּערט זיך, כאַפּט בלויז שפּיצן פון געדאַנקען, רעדט אַרויס פאַרבענקט, ווי ער וואָלט דערזען אַן אנטפּלעקונג |

www.libtool.com.cn

אַראָפּוואַרפֿן די מורא — דאָס איז עס, בנאמנות. מען ווערט דאָך גאָר אַן אַנדער מענטש, אַ נייער מענטש אויף מיין וואָרט.

**אשר:**

| קוקט אויף יצחקן מיט ווייטיק, רעדט צו ירוחמען |

ניין, ירוחם, דאָס איז נישט דאָס ווונדער. דאָס ווונדער איז נאָר אין גאָטס רצון. די מאָס פון דער ערד איז נישט די מאָס פון הימל, און די סימנים פון דער ערד זענען נישט גענוג. איך וואַרט אויף די סימנים פון הימל, און איר אַלע דאַרפט וואַרטן, לויט ווי איך זאָג אייך. ביז וואַנען איר וועט מעסטן מיט דער מאָס פון דער ערד, וועט איר נישט זיין ווערט די גאולה, אפילו ווען זי וועט קומען. נישט ווערט זיין, גישט ווערט זיין, זאָג איך אייך...

**פישל:**

| וואָס כאַפּט זיך אָן אָן דער געפֿענגנהיים זיך אַרויסצופֿלאַנ-
מערן פון ד"ר פאַר אים געפערלעכער ווענדונג |

אַוודאי נישט! ווייס איך וואָס איז געוואָרן מיט ירוחמען. ער וויל ברענגען אַ וויסטע סכנה אויף דעם כלל ישראל. באַהיט זאָל מען ווערן.

א יידענע:

אוי ווי איז מיר נישט, אוי ווי איז מיר נישט.

**פישל:**

שאַ, ווײנט נאָך נישט. ירוחם וויל אונז אַריינשלעפּן אין אַ בלאָטע. יצחק ווייסט דאָך גלאַט נישט, וואָס ער רעדט. אים ליגן די צעראַבעוועטע שטיקער זאָדיק אינזינען. און די בעל-מלאכהס אָט-די-אָ — גלאַט יונגען פון דער גאַנצער וועלט. מאַלע וואָס זיי רעדן! | צו די עלטערע יידן | איר האָט געהערט, וואָס ר' אשר האָט דאָ געזאָגט: מען



דאַרף וואַרטן. לאָמיר וואַרטן ביז גאָט וועט זיך ווידער ווייזן ר' אשרן. דערנאָך ביים סוף פון יאָר וועלן מיר אַוועקפאָרן קיין ארץ-ישראל.

צווייטע יידענע:

און וואָס וועט זיין מיט מיין ברוכן, אַ ווייטיק איז מיר!

**פישל:**

כ'ווייס נישט. וואַרטן. לייטערן זיך. פאַסטן תעניתים. איר הערט דאָך — אַזוי הייסט ר' אשר.

צווייטער ייד:

מילא וואַרטן — איז וואַרטן. מיר זענען שוין געוווינט צו פאַסטן און וואַרטן.

**ירוחם:**

די קשיא איז נאָר — צי קאָן מען נאָך וואַרטן?

**גיטל:**

| [illegible] פאר זיך, אין קאמף מיט פארשידענע קעגנגעזעצטע פארלאנגען |

נישט אַלע ווילן וואַרטן. נישט אַלע קאָנען... די וועלט זוכט אַ מנהיג. די וועלט ברויך אַ פירער. | כמעט היסטעריש | אַ פירער...

**יצחק:**

ס'דאַרפן דאָך זיין מלחמות, צי ניין?

| אין משך פון דער ראנגלעניש צעשילט זיך דער עולם. יונגוואַרג, בעל-מלאכהס שטעלן זיך ארום ירוחמען. גיטל און יצחק נענטער צו זיי. עלטערע יידן און יידענעס — ארום פישלען. אשר באמערקט די גרופירונג און זאגט מיט אונטערגעריסענער שטים |

**אשר:**

די ירוחמס הויבן זיך אָן צו וואַקלען, אָפּצוקערן, און מיין שטיץ בלייבן די פישלס.

| פ אָ ר ה א נ ג |

www.libtool.com.cn

# בילד זעקס

## אשר אַליין

[טעלעכע טעג שפּעטער. באַגינען. אינדרויסן. האַלבטונקל. אשר לעמלען. פּעסט איינגעהילט אין אַ מאַנטל, קוקט האַסטיק אָן, טראָגט זיך אומרויִק אַרום, רעדט צו זיך אַליין]

**אשר:**

...בלוט, בלוט. גאָט האָט געזאָגט, זאָל זיין ליכט! איז געוואָרן אַ וועלט פול מיט חושך. האָב איך געזאָגט: היילונג, גוטסקייט, שלום — ברענען גאָר שריפות שנאה... מרידה! חילות — איינע אַנטקעגן די אַנדערע, מענטש — אַנטקעגן מענטש. גיי האַלט אָט-דאָס איין! האַלט עס צונויף, אַז עס רייסט זיך רק אַוועק און ס'באַגערט פונאַנדערפאַל. [פּויזע. קוקט זיך אַרום. שטעלט זיך ווידער אָפּ.] האָב איך געבראַכט דאָס וואָרט. געגעבן אַן אָנצוהערעניש. אַ ברעג בלויז אויפגעדעקט פון דעם פאַרהאָפטן — און שוין בייסט מען זיך איינס ס'אַנדערע אין די העלזער אַריין. יושר — דורך רציחה. גוטסקייט — דורך נקמה. גאולה — דורך בלוט... [שטעלט זיך ווידער אָפּ. פאַרקלערט זיך. דאַן מיט די אויגן צום הימל] און אפשר איז דאָט דיין ווילן? אפשר ווילסטו, אַז ליכט זאָל קומען דורך חושך, גערעכטיקייט



מיט גוואַלט, דער יום-טוב פון דער וועלט אין געוויין און קללות געהילט? און איך — זאָל איך זיי פירן דורכן בלוטיקן ים?... [אין גרויס ראַנגלעניש] איך קאָן נישט! דאָס קאָן איך נישט! און אויב דאָס איז דיין רצון, וויל איך אים נישט! וועל איך זיך אָפּקערן פון אים, וועל איך אַנטלויפן פון דיר! [שטילט זיך איין, ס'פּנים ווערט דורכגעלייטערט פון פיינלעכער געטרייסטקייט] ניין, דאָס איז נישט דיין רצון. דאָס איז נישט דיין וועג, נייערט בלויז דעם מענטשנס, וואָס איז פאַרבלענדט און פאַרבלאָנדזעט.

[אויף מזרח-זייט הייבט אָן ליכטיקער ווערן. אשר קוקט אַ הייבע ווײַלע פאַר זיך. דאַן קערט ער זיך אום צום זונאויפגאַנג, און זיין פּנים ווערט באַשטראַלט מיט אַ רויטלעכער שיין, ווען ער זאָגט:]

הימל און ערד דרימלען נאָך, גראָזן און קרייטעכצער וואַרטן פאַרשלאָפענע, אַז די זון זאָל אַרויסגיין זיי דערפרישן און דערפרייען. אָבער גאָט וואַכט דאָך שטענדיק. גאָט, מיין גאָט, ווו ביסטו? וואָס באַהאַלטסטו דיין פּנים פון מיר? האָסטו זיך איינמאָל פאַר מיר אַנטפּלעקט, כּדי איך זאָל דיך איצט נאָך ווייניקער קאָנען געפינען? האָסטו געשיקט מענטשן צו מיר, זיי זאָלן מיך אַרומרינגלען מיט אמונה און איך זאָל די דאָרשט פון זייער בטחון נישט קאָנען שטילן? גאָט, גאָט, פאַרלאָז מיך נישט. האָסט זיך באַוויזן צו משהן אין דער מדבר, גערעדט צו אים פון אַ דאָרנבוש. רעד איצט צו מיר פון די גראָזן, לאָמיך הערן דיין וואָרט פון צווישן די וואָלקנס, לאָמיך זען דיין האַנט פון דאָרט, ווו די זון דאַרף אַרויסגיין. זאָל זי מיך פירן, זאָל זי מיר וויַיזן דעם אמתן וועג. וואָרום גרויס איז מיין צעטומלעניש אַצינד, און אַ גרויס פאַרלוירעניש הויערט אויף מיין נשמה, גאָט, מיין גאָט...

[פאָרהאַנג]

# בילד זיבן

היינריך רעדעלער, באַרבאַראַ, גיטל, ירוחם, יצחק, נעסטפאל, יאָהאַן מאצלער, ווילהעלם פאָגעלער, טאָמאַס גראָסמער, דיטריך הובער, פויערים, פויערטעס

[ אויף א פעלד נאָכמיטאָג. הינטערגרונט — לאַגער פון אַ-מיי. פאלאטקעס. פויערים באַוואָפנטע גייען דורך פון צייט צו צייט. ווען פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, קומט אָן מיט רויש און אויפרעגונג א מחנה אונטער דער אָנפירונג פון באַרבאַרא און היינריך רעדעלער. ווען דער רויש פאַלט אָפּ, הערט זיך: ]

ערשטער פויער:

נו, אַ טאָג! די קאַנאַליעס וועלן שוין וויסן, וואָס עס הייסט פויערישע נקמה!

צווייטער פויער:

געמיינט, ס'וועט אייביק זיין זייער יום-טוב. ס'קומט אַמאָל דער טאָג פאַר אונז אויך!

דריטער פויער:

איר האָט געזען, ווי דער קאַמערדינער זייעדער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ מיט דער צונג אַרויס? געוואָלט



www.libtool.com.cn

זיין געטריי די האַרן, דער קנעכט. ליגט ער אין דר'ערד, דער גולם!

צווייטער פויער:

דאָס שענסטע איז געווען, ווי די אַלטע פריצטע האָט זיך געבעטן: „לאָזט מיך לעבן, לאָזט מיך לעבן! איך וועל גאָט בעטן פאַר אייך". וואָס האָט זי פריער נישט געבעטן גאָט, די צעיוירענע שקאַפּע? גענוג פויערים זענען צוליב איר אומגעקומען, אַז פוילן זאָלן איר די ביינער וואָס גיכער!

היינריך רעדעלער:

נו, נו, פויערים, דאָס איז בלויז דער אָנהויב. ס'וועלן נאָך גענוג זיין אַזוינע טעג, ביז מיר וועלן זיגן. דערווייל לאָמיר אָפּגעבן ערע דעם העלד פון דעם היינטיקן טאָג...

ערשטער פויער:

דו מיינסט דאָך נישט קיין העלד, נאָר אונזער גרויסע העלדין, קאַפּיטאַן באַרבאַראַן, האַ?

היינריך רעדעלער:

[ א קלאַפּ טוענדיק באַרבאַראַן אין פּלייצע ]

געוויס זי! לאָמיר איר געבן דעם ריכטיקן הורא און אויסטרינקען פון אירעטוועגן. [ שרייט צו די פּאַלאַטקעס ] העי, מאצלער, דערלאַנג עפּעס צו באַנעצן די קעלן!

[ מאצלער קומט ארויס מיט א טאָפּ משקה. מען גיסט אָן עטלעכע שאָלן, מען דערלאַנגט ארום און אַלע רופן אויס ]

הורא פאַר קאַפּיטאַן באַרבאַראַ, הוראַ!

היינריך רעדעלער:

[ דערלאַנגט באַרבאַראַן א שאָל ]

טרינק, באַרבאַראַ, דו פאַרדינסט עס, דו פייערדיק ווייב!

מאצלער:

עס קומט פון אַ גוטן קעלער, דעם אַלטן באַראָן זיגמונטס. ווי פאַר דיר צוגעגרייט, הע, הע.

**באַרבאַראַ:**

אַ זופּ טון שאַדט קיינמאָל נישט. אָבער פון וואָס איז דאָ צו מאַכן אַזאַ וועזן? איך האָב געטון דאָס, וואָס אַ מענטש מיט האַרץ און מיט בלוט דאַרף טון! איך האָב לאַנג דאַרויף געוואַרט, און ענדלעך נקמה גענומען אָן די אַדעליקע הינט, פאַרשאָלטן זאָלן זיי זיין אויף אייביק.

| טרינקט און ווערט אויפגערעגט | אַז דעם פאָטער האָט מען דיר פאַרקריפּלט און דעם מאַן האָט מען דיר דערהרגעט, וועסטו שוין האָפן און וואַרטן אויף דעם טאָג. כ׳וואָלט געקאָנט דער גרעפינס געמיין האַרץ אַרויסרייסן, נישט נאָר אָפּהאַקן אירע הענט! און זאָל זי דאַנקען גאָט, וואָס איך האָב איר איבערגעלאָזט אירע צוויי בענקאַרטן!... וואָלט אַן אַנדערער נישט געטון דאָסזעלבע?

צווייטער פויער:

נישט אַזוי באַשיידן, באַרבאַראַ. נישט יעדער מאַן און אוודאי נישט יעדעס ווייב. נישט יעדעס ווייב וואָלט געקאָנט רופן צום אויפשטאַנד און שלעפּן אונז, מענער, צום גראַף אַלבּרעכטס הויף און מאַכן דאָס שענסטע, רויטסטע, פריילעכסטע פייער אין דער וועלט! עך, לאָמיר נאָכאַמאָל אויסטרינקען!

**מאַצלער:**

טרינק, טרינק, ס׳איז דאָ גענוג.

**היינריך רעדעלער:**

העי, נעסטפּאַל, קענסט דאָך עפּעס אַסאַך לידער, פּאַס עפּעס צו איינס פאַר אונזער באַרבאַראַן. אָדער פאַרפּאַס גאָר אַ נייס!

אַנדערע פויערים:

אַ גוטער געדאַנק. נו, נעסטפּאַל, געזונגען! פריילעך און לוסטיק צו ערע פון אונזער קאַפּיטאַן!

**באַרבאַראַ:**

וואָס פאַר אַן איינפאַל. פאַרריקטע!



**נעסטפּאַל:**

גוט, איך האָב עס! אָבער איר העלפט מיר. אַלע צוזאַמען!

| זינגט |

אין לאַנד איז פינסטער, און די וועלט איז שוואַרץ.
דער פויער וויינט און הויבט צום האַר די הענט,
נאָר האַרט ווי שטיין איז דעם געביטערס האַרץ,
און דיק און טויב — דעם הערשערס פּאַלאַץ-ווענט.
ביזוואַן דעם פויער גייט דאָס וויינען אויס.
אים ברענט זיין האַרץ, אים ברענט זיין אינגעווייד,
אַ פייער צינדט ער אָן אין הערשערס הויז,
זיין האָב און גוטס אויף ווינט און פלאַם צעשפּרייט.
די שטונד פון רעכנשאַפט איז זיס ווי וויין.
זאָל ברענען, ברענען — ס׳פעלט קיין האָלץ און שטרוי.
און אויב דער מאַן וועט שוואַך און שרעקיק זיין,
וועט פירן אונז די שענסטע, בראַווסטע פרוי.

אַן אַנדערע שטים:

| רייסט זיך אַריין אין געזאַנג |

ווער האָט פאַר אונז זיך אָנגענומען היינט,
און ווער האָט אונז באַשווירן: „טויט די פיינט!״!
ווער האָט דעם שטאָלצן אַלבּרעכטס שלאָס פאַרברענט,
און ווער האָט אָפּגעהאַקט זיין גרעפינס הענט?

אַלע שטימען:

באַרבאַרא! באַרבאַראַ! באַרבאַראַ!

| די פויערים זינגען מיט אַ ברען, דערנאָך כאַפּן זיי באַרבאַראַן און צעטאַנצן זיך מיט איר, פאַרשווירט פון אויפטו, פון פרייהייט און פון זיג. אינמיטן קומען אָן ירוחם, יצחק, גיטל |

**ירוחם:**

| צו גיטלען |

איר זעט, גיטל, מען קאָן שוין נישט כאַפּן צוריק, מען שלאָגט זיך שוין. און וואָס קאָנען מיר איצט טון? מיר מוזן אַהין אָדער אַהער — איר פאַרשטייט דאָך אַליין.

| גיטל ענטפערט ני. ט. באַרבאַרא דע־זעט גיטל ן, קומט צו צו איר. די פויערים רוקן זיך איינצקווייז צו די פּאַלאַט־קעס. א טייל גייען אַריין אינעווייניק, א טייל בלייבן זיצן אָדער ליגן פונדרויסן. מאַנכע שלאָפן איין |

**באַרבאַראַ:**

אָ, גיטל, ווילקאָמען. דו זעסט וואָס עס טוט זיך? אַלץ דיין מאַן, דיין אשר. ווער וואָלט זיך געקאָנט ריכטן, האַ?

**גיטל:**

וואָס מיינסטו?

**באַרבאַראַ:**

מיט דיין מאַנס נאָמען האָט זיך דאָך דאָס גאַנצע פויער־טום אויפגעהויבן. ווי נאָר הובער מיט פּאָגעלערן און גראָסמערן זענען צוריקגעקומען פון אייך און דערציילט, וואָס דיין אשר האָט זיי געזאָגט, זענען זיי אַלע ווילד געוואָרן. מען האָט גלייך אָנגעהויבן שרייען: „אונזער טאָג איז געקומען! אונזער טאָג!" און דו זעסט דאָך. עס איז קריג. גאָט צו דאַנקען. שוין לאַנג צייט געווען.

**יצחק:**

איר הערט, גיטל, אַלץ ר' אשר. אַלץ מיט זיין כּוח.

**גיטל:**

איך הער, איך הער. | צו באַרבאַראַן | אָבער וואָס איז געווען די איילעניש, באַרבאַראַ? וואָס האָט איר נישט געקאָנט וואַרטן אויף אשרס וואָרט?

**באַרבאַראַ:**

איך פאַרשטיי נישט וואָס דו רעדסט...

**ירוחם:**

ווי קאָן מען דאָ רעדן פון וואַרטן, גיטל? ווי האָבן זיי



געקאָנט וואַרטן? מען וואָלט זיי דאָך פריער דערהרגעט יעדן איינעם באַזונדער. זיי האָבן געמוזט אויפשטיין. זיי האָבן געמוזט גיין מיט כּוח! און גאָט צו דאַנקען. מיט ר' אשרס וואָרט זענען זיי אויפגעשטאַנען און מיט ר' אשרס הילף וועלן זיי, דאָס הייסט מיר אַלע צוזאַמען, זיגן.

**באַרבאַראַ:**

אָט אַזוי דאַרף מען רעדן. יאָ, יאָ, אַלע צוזאַמען! אַזוי זאָגט אויך הובער, און הובער איז שוין איצט נישט קיין גלח, ער איז איצט אַ קאָמאַנדיר...

**רעדעלער:**

דער קאָמאַנדיר פון דער פויערים־אַרמיי.

**באַרבאַראַ:**

...יאָ. וועט איצט דיין אשר זיין גאָר אַ גרויסער גענע־ראַל, דער אמתער פירער. אַז הובער לאָזט דאָך זיין נאָמען נישט אַראָפּ פון די ליפּן.

**יצחק:**

גייט שוין גייט. ר' אשר אַ גענעראַל... ווייס איך וואָס איר רעדט. ר' אשר אַ גענעראַל...

**גיטל:**

שווייגט, יצחק. מישט זיך נישט. יאָ, אשר וועט זיין אַ פירער, דער ריכטיקער גרויסער פירער. מען קאָן שוין נישט כאַפּן צוריק.

**באַרבאַראַ:**

איצט רעדסטו אויך ווי אַ מענטש, גיטל. די וואָרהייט געזאָגט, האָט זיך מיר גאָרנישט געגלויבט אויף דיין אשר. געווען אַזאַ שוואַכער, אַ הימלקוקער. אָבער, אַז דו אַליין זאָגסט, איז עפּעס אַנדערש. אַלע גלויבן אין אים — מוז



www.libtool.com.cn

אין דעם עפּעס זיין. אפשר איז ער טאַקע דער נייער אויסלייזער.

**יצחק:**

יאָ, יאָ, ר׳ אשר איז משיח.

**באַרבאַראַ:**

זאָל זיין אַזוי. אָבער נאָר מיט קראַפט, נאָר מיט שטאַרקייט. שוואַכע טאָרן גאָרנישט אָנהויבן.

**גיטל:**

אשר לעמלען וועט זיין דער פירער. אַזאַ פירער ווי די וועלט ברויך איצט צו האָבן. אַ פירער מיט גערעכטיקייט און רחמנות.

**היינריך רעדעלער:**

מיט רחמנות... אייך יידן ליגן שטענדיק אָט-די נאַרישקייטן אין זינען. נאָר גאָרנישט. איר וועט זיך שוין אויסלערנען. די הויפּטזאַך — איר זענט מיט אונז. יידן און קריסטן אינאיינעם — אָט ווי דאָס רעדל גיט זיך אַמאָל אַ דריי. נו, מיר ווייסן דאָך, אַז איר לעקט אויך נישט קיין האָניג. די פירשטן און בישאָפן דערגייען אייך אויך די יאָרן. רייסן פון אייך שטייערן, וועמען נאָר זייער קאַסע דערשמעקט דעם דעק, לאָזן אייך דעם קאָפּ נישט אויפהויבן און כאַפּן ביי אייך אויס די שיינע יידן-מיידלעך, נישט נאָר אונזערע יונגע פּויע־טעס. דאָס אַלץ ווייסן מיר שוין. | מיט געביטענעם טאָן | און אויב איר זאָלט איצט נישט זיין מיט אונז קעגן די פאַרדאַמטע קאַנאַליעס, ווייסט איר, וואָס מיר וועלן טון? מיר וועלן אייך, יידעלעך | מיט אַ זשעסט | ווי לייז צעקניקן.

**ירוחם:**

וואָס הייסט מיר וועלן נישט זיין צוזאַמען מיט אייך!



www.libtool.com.cn

אייערע שונאים זענען אונזערע שונאים, און יידן וועלן זיך שלאָגן פאַר אמת און יושר, פונקט ווי איר אַליין.

| פון יענער זייט פעלד דערטראָגן זיך אויפגערעגטע קולות.
עס קומען אריין הובער, פאָגעלער, גראָסמער, נאָך זיי
אנדערע באַוואָפנטע פּויערים. אלע אָנגעשטרענגט |

**דיטריך הובער:**

די אַנטשיידנדיקע שטונדע האָט געשלאָגן. גראַף אַלברעכטן איז געלונגען צו אַנטלויפן צום קורפירשט מאַקסימיליאַן, און ביידע ציען זיי אויף אונז מיט אַ גרויסער אַרמיי לאַנדסקנעכט. אַ שלאַכט אויף טויט און אויף לעבן איז איצט אומפאַרמיידלעך. אויפן וועג טויטן זיי ווו אַ פּויער, ווו אַ האַנטווערקער. אָ, גאָטלאָזע פּרינצן, אייער פאַרדינטע שטראָף איז נאָענט! | דערזעט די יידן | אויך די יידן קוילן זיי מאַסנווייז. זיי האָבן געהערט פון דעם הייליקן אשרן און באַשולדיקן די יידן צוגלייך מיט דעם אויפגעוואַכטן געמיינעם מאַן.

**ירוחם:**

די יידן וועלן גיין אין שטרייט צוגלייך מיטן געמיינעם מאַן!

**ווילהעלם פאָגעלער:**

מיר וועלן זיך שלאָגן פאַר אַלעמענס באַפרייונג. גלייכע רעכט פאַר אַלע אונטערדריקטע!

**טאָמאַס גראָסמער:**

איינער פאַר אַלע, אַלע פאַר איינעם. יידן און קריסטן — איין געשלאָסענע אַרמיי. מיר וועלן זיך שלאָגן און מיר וועלן זיגן!

| אסאַך פּויערים שרייען: „שלאָגן די הארן און זיגן!" פון
די פּאַלאַטקעס שיטן זיך ווידער די פּויערים ארויס. די
סגענע הערט פארהילכט פון דעם דראָ-איסרוף: „זיגן
זיגן!" |

www.libtool.com.cn

**דיטריך הובער:**

לאָמיר אַלע גיין צו דעם ראַבי, צו הער אשר לעמלען.
זאָל ער אונז בענטשן. זאָל ער אונז לאָזן הערן גאָטס וואָרט.
איין גאָט, איין פיינט, איין זיג!

| ווידער קולות: „זיג! זיג!“ |

**ירוחם:**

איין גאָט, איין פיינט, איין זיג! לאָמיר אַלע גיין צו ר׳ אשרן!

| יצחק טוט אים נאָך, פויערים, קענטיק, צופרידן דערמיט |

**ווילהעלם פאָגעלער:**

קומט, אויפן וועג וועלן מיר פון די דערפער מיטנעמען אַלע פויערים פון דער גאַנצער געגנט. אַלע צום הייליקן מאַן! די גאַנצע פויערים-אַרמיי צו דעם יידישן זעער!

**ירוחם:**

צו ר׳ אשרן! צו ר׳ אשרן!

| יצחק שרייט מיט. דער גאַנצער עולם לאָזט זיך אויפגערעגט און זינגענדיק אַ זיג-ליד אַרויס צום פעלד. ירוחם און יצחק רייסן זיך נאָך. ביים אַרויסגאַנג בלייבן זי, וואַרטן אויף גיטלען, וואָס שטייט אַ דורכגענומענע |

**ירוחם:**

נו, גיטל, איר האָט איצט געזען מיט אייערע אויגן. קאָן מען זיי איינהאַלטן? וועלן זיי וואַרטן? און קאָנען מיר שטיין מיט פאַרלייגטע הענט? מיר מוזן אויך גיין מיט כח.

**גיטל:**

יאָ. ירוחם. נישטאָ קיין אַנדער ברירה.

**ירוחם:**

איז וואָס, מיינט איר, וועט איצט זיין, גיטל?

**גיטל:**

עס וועט זיין, וואָס מוז זיין.



**ירוחם:**

ר׳ אשר וועט איצט מער נישט זאָגן, אַז מען דאַרף וואַרטן, אַ-יאָ?

**גיטל:**

ניין, ער וועט מער נישט הייסן וואַרטן.

**ירוחם:**

ער וועט זיין מיט אונז, און מיר וועלן אַלע גיין מיט דער גרויסער גערעכטער מרידה, האַ?

**יצחק:**

אוודאי וועלן מיר גיין. אין משיחס צייטן דאַרפן זיין מלחמות, און ווער ווייסט דאָס בעסער ווי ר׳ אָשר?

**ירוחם:**

האַ, גיטל, ר׳ אשר וועט בלייבן מיט אונז, בענטשן און פירן דעם אויפשטאַנד פון די געמיינע לייט?

**גיטל:**

ער וועט בענטשן, ירוחם. נישטאָ קיין אַנדער ברירה. אשר איז דער פירער, נישט הובער.

**יצחק:**

אוודאי, אוודאי.

**גיטל:**

גייט איר מיט די קריסטן. שטאַרקט זייער אמונה אין אשרן. און איך וועל איצט צו אים.

| דער פאָרהאַנג הייבט אָן פאַלן, ווען גיטל רעדט אַרויס מיט פערצווייפלטער זיכערקייט |

**גיטל:**

אשר מוז זיין דער פירער. אַ גאַנצע וועלט ברויך אים.

| פאַרקירעוועט זיך אין אַן אַנדער זייט |

| פ אָ ר ה א נ ג |

www.libtool.com.cn

# בילד אכט

אשר, גיטל, פישל, אברהם, יצחק, ירוחם, זלמן נאַר, דיטריך הובער, ווילהעלם פאָגעלער, טאָמאַס גראָסמער, באַרבאַראַ, היינריך רעדעלער, בעל-מלאכהס, פויערים, פויערטעס, יידן און יידענעס

| דיזעלביקע שטוב, ווי אין בילד פיר און פינף. עס איז באלד נאָך דער האנדלונג אין פריערדיקן בילד. ביים טיש זיצן אברהם און פישל. ביידע זעען אויס פאַרזאָרגט און אָנגע־שטרענגט |

**פישל:**

איז וואָס זאָגט איר, ר׳ אברהם, ס׳האָט עפּעס אַ האַפּט צו וואַרטן אויפן סוף פון יאָר? כ׳מיין מיט ר׳ אשרן? ס׳איז דאָך סכנת נפשות. ס׳גאַיעס ווילדעוועט. די שררות קוילען. נאָר אַ משיח קאָן העלפן. אַ נס אַ גרויסן ברויך מען איצט.

**אברהם:**

וואָס דאַרפט איר, פישל, משיחן אײַנגאַנצן? וואָס טויג אייך אַ נס? אייער קרעמל האָט איר דאָך אָפּגעהיט – וואָס ברויכט איר נאָך!



**פישל:**

וואָס קער זיך עס אָן? איר, ר׳ אברהם, זאָלט אויך אַזוי רעדן?

**אברהם:**

עס קער זיך שוין גאָר אָן. אַ נס קאָן קומען נאָר דורך אמונה. אמונה איז כח, זאָגט ר׳ אשר. און אַז די, וואָס האַלטן מיט אים, מישטיינס געזאָגט, האָבן אַזוי ווייניק אמונה – וואָס פאַר אַ כח קאָן שוין דאָ זיין? גיטל, ירוחם, יצחק – זיי האָבן אמונה. אָבער זיי ציען גאָר אויף אַן אַנדער דרך... | פויזע | און די מרידה פלאַקערט מיט אַן אמת. יידן זענען אָנגעפאָרן אַהער פון אַלע עקן וועלט. מען בעט רחמים. מען וויל נאָר דעם נס און וואָס גיכער. אָבער מען האָט מיטגעשלעפּט פולע זעק. עפּעס אָנצווערן ציטערט מען. אי קיין נאָגל זאָל נישט פעלן פון האָב-און-גוטס, אי דער נס...

**פישל:**

זאָגן אייך דעם אמת? כ׳האָב שוין חרטה אויפן גאַנצן עסק. זיך געלעבט ווי עס איז, און אינמיטן דערינען אַזאַ מין זאַך. כ׳האָב געמיינט טאַקע... איר פאַרשטייט? איצט איז מען שוין גאָר מיטן לעבן נישט זיכער. כ׳ווייס גאָר־נישט וואָס מען הויבט אָן צו טון, ווי ראַטעוועט מען דאָס אייגענע חיות.

**אברהם:**

אַוודאי, אַוודאי. איך ווייס וועגן וואָס איר טראַכט. אָבער געדענקט, פישל, ווען אויף ר׳ אשרן וועט ווידער אַראָפּ־נידערן גאָטס גענאָד און ער וועט מיט אַן אמת זיך אַ נעם טון...

| האַקט זיך אָפּ, ווייל אין טיר באַווייזט זיך אשר |

**אשר:**

| ווי ער וואָלט קיינעם נישט געזען |

מען האָט נישט קיין צייט... מען איילט זיך... די – פיר זיי גלייך קיין ארץ-ישראל. די – וואַרף זיי גלייך אום אַלע שררות, און זיי אַליין זאָלן אָנהויבן שאלטן און וואַלטן. פון מיינס אַ וואָרט מאַכט מען צען מאָל צען און הונדערט מאָל ווערט עס פאַרדרייט, ביז עס דערקענט שוין נישט דעם אייגענעם מקור. די פיס לויפן פאַר די הענט, און די הענט פאָלגן נישט דעם געבאָט פון קאָפּ. אָבער דאָס אמתע וואָרט הערט מען נישט. פאַרן האַרץ פון וואָרט האָט מען מורא, מורא...

*(כאַפּט זיך אָן פאַרן האַרץ, ווי עס וואָלט אים דאָרט שטאַרק וויי געטאָן)*

**פישל:**

די וועלט וויל מעשים, ר׳ אשר. מעשים און שטאַרקייט,

**אשר:**

שווייגט, פישל. גייט אַהיים צו זיך אין קראָם און פירט אייער מכחר.

**פישל:**

וואָס האָט איר טענות? הלמאי זאָג איך אייך נישט...

**אברהם:**

דרך-ארץ, פישל!..

**אשר:**

*(הערט ביידע נישט)*

מעשים. שטאַרקייט. געבראַכט אַ וואָרט, נעמט עס, דאָס וואָרט, און וויל דיך איינשלינגען... *(מיט די אויגן ארויף)* און אויבן שווייגט מען. אַ סימן! אַ סימן!.. *(פאַלט צו מיטן פנים צו דער וואַנט. שטייט אַזוי פאַרצאָגט אַ ווײַלע. דרייט זיך אום. קוקט ווי אין פּוסטן חלל אַריין)* ווו איז גיטל? ווו זענען ירוחם. יצחק?



www.libtool.com.cn

**אברהם:**

זיי זענען, מיין איך, אַוועק הינטערן שטאָט, צום לאַגער פון די מורדים.

**אשר:**

נאָך וואָס?

**אברהם:**

זיי האָבן מיר נישט געזאָגט.

**אשר:**

איך ווייס, איך ווייס צו וואָס. מיין רצון ווילן זיי בענדיקן. אַ פרעמדן כוח ווילן זיי מיר געבן. אַלץ רייסט זיך אַוועק פון מיינע הענט, און די הענט ווילן זיי מיר אויך נישט לאָזן, נאָר איינשפּאַנען אין זייער איילעניש. אָט האָב איך דעם גאַנצן באַרג פון דער וועלט געהאַלטן דאָ-אָ. *(שפּרייט אויס די הענט און מאַכט אַ זשעסט פון טוליען צום האַרץ און זיין פנים פאַרקרימט זיך ווידער פון ווייטיק)* און איידער וואָס ווען – שוין! עס קרישלט זיך... שטיקער רייסן זיך...

*(עס קומט אָן גיטל)*

**גיטל:**

זייט מוחל, ר׳ אברהם און פישל, נאָר איך דאַרף רעדן מיט ר׳ אשרן אויג אויף אויג. *(אברהם און פישל אָפּ אין אַן אַנדער חדר)* אשר, ביסטו שטאַרק? די שעה פאַר דיין גרעסטער שטאַרקייט איז געקומען.

**אשר:**

וואָס איז אַזוינס?

**גיטל:**

דיינע רייד צו די קריסטן זענען געפאַלן ווי פונקען אויף אַ סנאָפּ היי. די מדינה איז אויף די פיס. מרידה. מלחמה. די וועלט ברויך אַ פירער. אַלע ווילן דיך. גאָט האָט דיך געשיקט, זיי רופן דיך אַצינד.

**אשר:**

ווער ס׳רייסט די פרוכט פון בוים פאַר דער צייט, דער לענט זיין האַרץ נישט אונטער, נאָר פאַרסמט זיין אינגעווייד. ווער ס׳האָט קיין צייט נישט, דער קאָן גאָרנישט פועלן.

**גיטל:**

מען קאָן איצט נישט כאַפּן צוריק, אשר. עס איז קריג. דו מוזסט זיין שטאַרק און פירן זיי צו יושר און נצחון.

**אשר:**

זיי האָבן נישט געהאָרכט מיין וואָרט.

**גיטל:**

דיין וואָרט! וואָס זאָל דיין וואָרט, אַז דו אַליין האָסט מורא זיך פון אָרט צו רירן? פאַרשטייסטו אַליין נישט, אשר, וואָס דו האָסט אויפגעטון? אָדער איז דאָס וואָרט, וואָס דו רעדסט אַלץ וועגן אים, געקומען גלאַט אַזוי, זיך פון דער צונג אַראָפּגעגליטשט? איז דיין נאָמען, וואָס מיט אים אויף די ליפּן גייען איצט מחנות אויף מסירת הנפש, סתּם אַזוי? דיין נאָמען אָן דיר?

**אשר:**

ניין, נישט סתּם אַזוי. נאָר אפשר אמת — אָן מיר. די וועלט דאַרף מיין נאָמען, כּדי צו טון דאָס, וואָס זיי האָבן אַלע אַ גאַנץ לעבן געוואָלט, צו וואָס זיי האָבן אייביק געגאַרט, נאָר מורא געהאַט.

**גיטל:**

און דו אַליין? וואָס וועסטו טון מיט דיין נאָמען?

**אשר:**

די וועלט טוט נישט דאָס, וואָס איך באַגער. עס טוט זיך שוין אַליין, זיי טוען. די מחנות טוען. אפשר איז



www.libtool.com.cn

ירוחם גערעכט — דאָס איז דאָס ווונדער. נייערט ס׳איז נישט מיינס.

**גיטל:**

אָבער קאָנסט נישט כאַפּן צוריק. האָסט געוועקט האָפנונגען. מען גלויבט אין דיר. מען וועט דיך קומען רופן. דו קענסט זיך נישט באַהאַלטן הינטערן וועבשטול, ביסט נישט מער אשר דער טליתים-וועבער. ביסט דער, וואָס האָט צוגעזאָגט...

**אשר:**

איך האָב נישט צוגעזאָגט די גויים צו פירן זייערס אַ מרידה, און איך האָב נישט צוגעזאָגט די יידן צו פירן זיי גלייך אין הייליקן לאַנד. איך האָב געהייסן וואַרטן און גלויבן.

**גיטל:**

ווער עס האָט כּוח, דער וואַרט נישט.

**אשר:**

כּוח, כּוח...

**גיטל:**

אשר, שוין צען יאָר לעב איך מיט דיר. מיר האָבן נישט קיין קינד, קיין רינד. צען יאָר האָב איך געליטן און אַלץ אָנגענומען פאַר ליב. געגלויבט, ס׳איז דערפאַר, וואָס דו ביסט אַן אַנדערער. דו הערסט גאָטס רוף. און קומען וועט דער טאָג, ווען דו וועסט אויפשטיין מיט גבורה. דו ביסט ביי מיר געווען אַלץ. מיט דער האָפנונג אויף דיר האָב איך געלעבט. און איך האָב זיך דערוואַרט. די יידן רופן דיך משיח. די גויים ווילן זאָלסט זייער פירער זיין. אָבער אַז עס קומט צו עפּעס...

**אשר:**

יאָ, אַז עס קומט צו עפּעס...

**גיטל:**

האָסטו נישט קיין כּוח... | מיט געביטענעם טאָן | אשר, פאַר-
לאָז מיך נישט אַצינד. זײַ שטאַרק... איך ווייס נישט, וואָס
עס הייסט צו זײַן אַ מאַמע, אשר. דו, דו ביסט געווען
מײַנע זין און מײַנע טעכטער, מײַן נחת און מײַן טרייסט.
| פון דרויסן דערנענטערט זיך אַן אַלץ גרעסער ווערנדיקער טומל |
דו הערסט, אשר, מען קומט דיך רופן. שטאַרק זיך,
שטאַרק זיך, מײַן מאַן. פאַרלאָז מיך נישט איצטער. דו
ביסט מײַן אַלץ...

**אשר:**

| פינסטער |

יעדערער – נאָר זיך אינזינען...

| רויש פון אָנקומענדיקע מחנות. עס טראָגט זיך: „אשר, אשר!" עס באַווייזן זיך אין טיר ירוחם, יצחק, יונגע יידן און יידענעס, בעל-מלאכהס, אויך זלמן. אשר קוקט אויף זיי האַלב פאַראומערט, האַלב גלײַכגילטיק. גיטל זיצט אין א ווינקל דורך דער צײַט פון דעם ווײַטערדיקן, אומפּרוּיק צו טון עפּעס. פילט — עס איז פאַרפאַלן. עס קומען אָן דיטריך הובער, גראָסמער, פאָגעלער, ירוחם, יצחק, פּויערים, פּויערטעס. עס קומען אויך אַרײַן פון צווייטן צימער אברהם און פישל |

**דיטריך הובער:**

הייליקער מאַן, הער אשר, געשיקטער פון גאָט! דאָס
פאָלק איז אין אויפשטאַנד. אײַער וואָרט האָט גערעדט צו
זייערע הערצער. דאָס פאָלק וויל גערעכטיקייט אויף דער
ערד. גערעכטיקייט פאַר אַלע גלײַך—פאַר יידן וויפאַר קריסטן.
מיר זענען געקומען איר זאָלט אונז בענטשן. מיר זענען
געקומען בעטן, איר זאָלט אונז העלפן, זאָגן וואָס און
ווי צו טון.



www.libtool.com.cn

**אשר:**

| אומבאַהאָלפן |

איך האָב אײַך גאָרנישט וואָס צו זאָגן...

**פישל:**

| אונטערברעכנדיק |

יידן האָבן גאָרנישט צו טון מיט גויים.

**אשר:**

שווייגט, פישל. איך רעד. | צו הובערן | איך קאָן אײַך מיט
גאָרנישט העלפן, הער פריסטער. איך האָב נישט געמיינט,
אַז עס זאָל זײַן אַזוי. איך האָב נישט געוווּסט, אַז עס
וועט זײַן אַזוי. איך האָב קיינעם נישט געהייסן מורד
זײַן. איך האָב געהייסן וואַרטן אויף גאָטס וואָרט.

**דיטריך הובער:**

| ווײַזט אויף דרויסן |

אָט-דאָס איז גאָטס וואָרט. ווען איר האָט דאָ מיט עטלעכע
וואָכן צוריק גערעדט וועגן דעם געמיינעם מאַנס נויט
און וועגן דעם, אַז דער געמיינער מאַן מוז קריגן גע-
רעכטיקייט אויף דער ערד, האָט גאָט גערעדט דורך אײַערע
ליפּן. און ווען איך האָב אײַערע ווערטער געבראַכט צו
זיי, זענען זיי אויפגעשטאַנען.

**אשר:**

זיי האָבן געדאַרפט וואַרטן.

**ווילהעלם פאָגעלער:**

זיי האָבן מער נישט געקאָנט וואַרטן. זייער נויט און לייד
האָבן מער נישט געקאָנט וואַרטן.

**טאָמאַס גראָסמער:**

די געדונגענע זעלנער פון די פּריצים ציען איצט אויף

אונז. זיי וועלן אַלץ אויסגלייכן מיט דער ערד. זיי וועלן די פעלדער און וועגן מיט אונזער בלוט פאַרשווענקען.

**אשר:**

איך קאָן אייך נישט העלפן.

**דיטריך הובער:**

איר ווילט נישט?

**אשר:**

איך קאָן נישט.

**ירוחם:**

די פריצישע חילות ממיתן יידן אויף די וועגן. זיי וועלן אונז עוקר מן השורש זיין.

| אשר קוקט אים אָן מיט צער אין די אויגן און ענטפערט נישט |

**ירוחם:**

האָט נישט דוד המלך געשלאָגן זיך מיט די פלישתים? האָבן נישט די חשמונאים געצויגן זייערע שווערדן אַנט-קעגן די שונאים? האָט נישט רבי עקיבא געבענטשט בר-כוכבאן, ווען ער איז אַרויס אין קריג אַנטקעגן רוים?

**אשר:**

גאָטס וואָרט קומט אַנדערש אין פאַרשידענע צייטן, ירוחם, און קיינער קאָן נישט מיט גוואַלט גאָטס וועג פאַרלויפן.

**דיטריך הובער:**

| פאַרטרויערט אָבער אָנטשלאָסן |

וואָס זאָלן מיר זאָגן זיי דרויסן? וואָס זאָלן מיר זאָגן די פויערים אין דער שטונדע פון זייער געפאַר?

**אשר:**

איך וועל זיי אַליין זאָגן.





| גייט צו צום פענסטער. ווען דער עולם דערזעט אים, הייבן זיך ווידער אָן די געשרייען, וואָס דורך זיי הערט זיך דייטלעך בלויז: אשר, אשר |

**אשר:**

| רעדט ארויס צום עולם |

איר זענט געקומען צו מיר נאָך הילף, אָבער איך האָב אייך נישט וואָס צו געבן. איך האָב אייך גערופן אויפן וועג פון גאָט, האָט איר זיך גענומען דרענגען און קנוילן אויפן וועג פון מענטש, און שוין שרייט די ערד, אויף וועלכער איר טרעט, מיט נייעם ווייטיק. מיין נאָמען האָט איר געהערט, אָבער מיך האָט איר נישט געהאָרכט. מיין נאָמען האָט איר צוגענומען, נאַט אים אייך! טוט מיט אים ווייטער, וואָס איר ווילט. וואָרום פאַרוואָר! מיך דאַרפט איר שוין נישט. איך אַליין וועל ווידער זיין בלויז אַ מענטש צווישן מענטשן, און מיט זיי וועל איך זיך אויסמישן, ווי עס איז צעמישט אָט-דאָס ליים אונטער אייערע פיס. ווער עס גלויבט אין דער מרידה, דער זאָל טון דאָס, אין וואָס ער גלויבט. איך קאָן אויף דעם וועג נישט גיין. איך קאָן אייך גאָרנישט העלפן. איך קאָן גאָרנישט טון.

| אינדרויסן ווערט שטיל אַ רגע. באַלד געשרייען פון ענטוישונג, אומצופרידנקייט, צאָרן, קללות. אין אַ כאַמענט פון איינגעשטילטקייט רייסן זיך אַריין אויף דער סצענע באַרבאַראַ און רעדעלער |

**באַרבאַראַ:**

אשר זאָגט זיך אָפּ פון אונז? איך האָב באַלד געוווּסט, אַז עס האָט פון אָנהייב אָן געדאַרפט זיין אַנדערש. גיטל, דאָס ווייב, האָט געדאַרפט זיין דער מאַן. זי האָט גע-דאַרפט זיין אשר...

| גיטל װאַרפט איר צו אַ טרויעריקן בליק פון פאַרוואָרף,

www.libtool.com.cn

בלײבט אָבער שטיל. באַרבאַרא גײט אַמשלאָסן צו צום פענסטער |

**באַרבאַרא:**

| װענדט זיך צום עולם דרויסן |

פויערים, איר הערט, איר האָט גאָרנישט מער װאָס צו װאַרטן אויפן הייליקן מאַן פון די יידן. ער האָט מורא. ער איז שװאַך. מיר דאַרפן אים נישט. מיר װעלן שוין מוזן פירן אונזער קריג אָן האַנס פײפערלײנס גאָטס מוטער און אָן דעם יידישן זעער. געדענקט, װען די פירשטלעכע און גראַפישע אַרמײען, װאָס ציען אַלץ נענטער אויף אונז, װעלן זיגן, װעלן זײ נישט װיסן פון קײן מיטלײד, פון קײן אײדלקײט, פון קײן גאָטס װעג און װאָרט. זײ װעלן זיך באָדן אין אונזער בלוט. זײ װעלן אונז לעבעדיקערהייט צעפּערטלען. אין קאַמף, פויערים, אָן די הייליקע, אָן די, װאָס קענען זיס און שײן רעדן, אָבער װאָס האָבן װײכע זשאַבעס דאָרט, װוּ מיר האָבן הערצער! אין קאַמף! עס איז טויט אָדער ברויט!

| דרויסן װידער שטאַרקער טומל. געשרײען: צום טײװל די הייליקע! קריג און זיג! מיט אונז דער זיג! אויף דער בינע װערן הובער און זײנע באַגלײטער מיטגעריסן פון דער דרויסנדיקער איפּרעגונג. צוזאַמען מיט באַרבאַראַן, רעדעלערן גײען זײ אַנטשלאָסן אַרויס. בײם שװעל | —

**רעדעלער:**

הויב זיך אָן מיט יידן! שװאַכע! צעקראָכענע זשאַבעס!

| אָפּ |

| ירוחם הערט עס, גיט אַ קוק אויפן יונגװאַרג. און די בעל־מלאכהס, און װענדט זיך אויפגערעגט אָבער פעסט צו אשרן, װאָס שטײט אַ טרויעריקער און אַן אומבאַהאָלפענע |

**ירוחם:**

נישט אַלע זענען שװאַכע, ר׳ אשר. איך גײ מיט זײ!



מיר גײען מיט די, װאָס קאָנען נישט װאַרטן, װאָס האָבן נישט װאָס אָנצוװערן. זײט מיר מוחל, ר׳ אשר. | ער הויבט אָן צו רײסן די געלע לאַטע פון זײן בגד. שרײט: „פרײ און גלײך! אַראָפּ די שאַנד און די הכנעה פון גלות!“ די בעל־מלאכהס, יונגװאַרג טוען אים נאָך. דאָס רײסן די לאַטע װערט אַ מין באַפרײונג־ריטואַל. ירוחם אַ דערפרײטער און אויפגערעגטער װענדט זיך צו זײנע נאָכפאָלגער | אַהין! אַרויס! צום קאַמף! טויט אָדער ברויט! מלחמה און זיג!

| בעל־מלאכהס כאַפּן אים אונטער און אַלע צוזאַמען גרויס. אשר קערט זיך אָפּ |

**יצחק:**

| די גאַנצע צײט אַ שטאַרק צעטומלטער |

ירוחם, װוּ לויפסטו? | גײט צו צו אשרן, כאַפּט זײנע הענט, נעמט זײ קושן | ר׳ אשר, הייליקער ר׳ אשר, פאַרלאָזט אונז נישט. זאָגט אײער װאָרט. װאָס הייסט אָן אײך?

| צעװײנט זיך. אַלע דורכגענומען פון יצחקס געװײן. אַלע װילן עפּעס זאָגן — קײנער האָט נישט װאָס. אשר בלײבט אַ פאַרגליװערטער מיט אַן אָפּגעקערטן פּנים. זלמן קוקט אויף אשרן, באַטראַכט אַלעמען, און האַלב טרויעריק, האַלב שפּאַסיק |

**זלמן:**

װאָס זאָל דאָס װײנען, בענטשן, פלוכן?
מען דאַרף װידער גײן פּרנסה זוכן.

| פאָרהאַנג |

**סוף**

www.libtool.com.cn